בס"ד

# אטעמען

א **קורצע בליק** אריין אין
די **ברייט-פארצווייגטע**
**פעולות הקודש** פון
'מערכת ברסלב' וואס
**בלאזט אריין חיות**
**און קרבת אלוקים** אין
אידישע הערצער



קול נשימה

מערכת ברסלב

מערכת ברסלב לופט צו אטעמען



# קלאנגען פון די גאולה

צווישן די שפאלטענעס
פון מערכת ברסלב

# די מצב הדור יארע 2024

עקבתא דמשיחא! א ווארט וואס ווערט נישט ווייניג גענוצט היינט. מען דארף איגאנצן נישט אויסשמועסן וואס עס מיינט, אין וואס פאר א דור מיר געפונען זיך היינט. אויב אמאל האט מען עס געוואוסט דורך די פילע מאמרי חז"ל, וואס נאך אין זייערע צייטן האבן זיי פאראויסגעזען און געזאגט "יתיי ולא אחמיניה" און נאך אנדערע פארשידענע נבואות. אזוי אויך די פילע אויסדרוקן פון די לעצטיגע צדיקי הדורות ובראשם די הייליגע רבי, וואס האבן מיט זייער לויטערן בליק פאראויסגעזען את אשר יקרה לפליטה הנשארת באחרית הימים.

דארף מען שוין היינט - אבער בכלל נישט צוקומען צו דעם. ווער עס פארמאגט נאך אן הארץ און איז נאכנישט אינגאנצן פארשטיינערט געווארן פונעם פונסטערן גלות, זעט און פילט בלויז, אין וואסערע דור המבול געפונט זיך היינט די גאנצע וועלט רח"ל. פון אלע זייטן מעגליכע און אוממעגליכע ריכטונגען, האבן זיך באהאפטן די כוחות הטומאה צו מאכן א יד אחת אנטקעגן די נשמות ישראל. צו פארדארבן, חרוב מאכן, צו צומישן און אפווישן די גאנצע וועלט ביזן גרונד. ווען איבער אלעם רייצט זיך דער יצה"ר מיט די תלמידי חכמים - אזוי ווי חז"ל האבן געזאגט - די יראי השם וואס פרובירן זיך נאך אנצוכאפן אין די דרכי הקדושה אין די אויסגעטרעטענע וועג פון אבותינו ורבותינו. אבער אין בית אשר אין שם מת, פון די אלע מכות און קרענק פונעם דור, די ביטערע און שווערע ניסיונות הזמן.

די סטרא אחרא וואס האט ארויסגעצויגן אלע אירע געווער, זאכן וואס דערציטערן און דערשרעקן אויף א פארנעם וואס אונזערע עלטערן האבן נישט גע'חלום'ט, שוידעליכע טומאות וואס איז נאכנישט געווען מימות עולם, טרייף פסול וואס פארשפרייט זיך אין די צענדליגע טויזנטער, ומה יעשה הבן אנטקעגן דאס אלץ, ולא יחטא?! און אזוי פאלן אינגעלייט און בחורים, ווערנדיג פארצוקט פון די אויסגעהונגערטע חיות וואס זייערע אויגן לאקערן זיי צו פאנגען צום טיפן אפגרונד.

נשמות ישראל וואס פארלאזן דעם באר מים חיים און גראבן אין פוסטע גריבער, די גאנצע חן חשיבות און שמחה פון די פשוט'ע אידישקייט, תורה און מצוות, קערט אוועק איר פלאץ פאר דמיונות וואס פליען אריבער און שטותים וואס גייען פארביי.

און אפילו ווער עס גיבט זיך נישט אונטער, מיט אלע כוחות שטארקט ער זיך צו גיין אין די וועגן פון תורה ויראה, דווקא אויף אים גייען איבער שווערע און ביטערע מעברים זיבן מאל אזויפיל. בלבולים, קושיות, ירידות און עליות, אראפווארפענישן אן קיין ענדע, און יעדער פרעגט עד מתי?! אומזיסט זענען די פלאגענישן, די נסיונות שטארקן זיך נאר מער און מער, מיט דעם וואקסט אויך די שווערע הסתר פנים מען זעהט נישט וואס מען טוט אויף, אויב מיין וועג איז בכלל באוויליגט אויבן?! און וואס טוט מען ווען עס גייט מיר נישט אין עבודת השם?

אין א דור וואס יעדע צווייטע ליידיג גייער ווערט איבערגעדרייט אויף א פסיכילאג, איינציג פראצענט פון יונג און אלט ווערט דיאגנאזירט אלץ פראבלאמאטישע וואס דארפן אריבערגיין א סעריע פון לעקציעס און שיעורים אין תורת הנפש...

## דער 'לוחם מלחמות השם'

אבער דאס האט אונז שוין צו וויסן געטון און צוגעזאגט דער בורא כל עולמים 'כי לא יטוש ה' עמו ונחלתו לא יעזוב'. וואס מער די טומאה שטארקט זיך און פארשפרייט זיך מער, קומט אראפ אויף די וועלט א גרעסערע און שטערקערע קדושה וואס שטייט קעגן איר און שלאגט זיך מיט איר עד רדתה.

דווקא ווען עס ווערט געגעבן רשות פארן שטן צו פארדארבן און ארויסגיין מיטן שווערד פונעם שער החמישים פון די טומאה. זה לעומת זה שענקט די רבוש"ע - מיט זיין פיל גענאדע און רחמנות - פאר זיינע קינדער א לעכטיגקייט, די שער החמישים פון די קדושה, דער הייליגער רבי, דער צדיק הדורות, רבן של ישראל, איש חי וקיים, וואס איז לוחם מלחמות השם, ווי א גיבור הרב להושיע שטעלט ער זיך קעגן די מצח הנחש. ער איז דער מענטש וואס זיינע הענט זענען פארשמירט מיט בלוט צו ריינינגן אידישע קינדער פאר זייער טאטן אין הימל.

אין די גאנצע מבול פון פינסטערניש און וויסטעניש וואס הערשט אויפן וועלט, שיינט ער ארויין זיין לויטערע ליכטיגקייט, ער איז מבשר און אנטפלעקט פאר די נשמות ישראל זייער גאולה הכללית והפרטית, ער דערנעטערט זיי צו זייער טאטן אין הימל פונדאסניי מיט חסד און רחמים, ער גיט זיי צו טועם זיין פון די געשמאקקייט, אנגענעמקייט, די זיסע טעם און חיות וואס איז דא אין תורה און מצוות, קרבת אלוקים און אמונה אין השי"ת,

ער קערט צוריק פארלוירענע נשמות, ברענגט צוריק 'חסידים נפולים' וואס זענען שוין לאנג געפאלן ביי זיך און שוין אויפגעגעבן פון גיין מדרגה לדרגה אין דינען דעם אייבערשטן מיט א פלאם פייער, פרישקייט און תמימות, אזויווי זיי האבן געפלאנט אין זייער'ע בחורישע יארן.

## קול מבשר הגאולה

ולא ברעש השם, צוביסלעך צוביסלעך, א טראפ נאך א טראפ, קומט אן די בשורה פון די גאולה צו נאך אידן, אויסגעדארשטע נשמות, מענטשן וואס זוכן די דרך האמת דערוויסן זיך בדרך לא דרך די נאמבער פונעם טעלעפאן ליין 'מערכת ברסלב' און ווען זיי פארזוכן פון די ליכטיגקייט... אלע שטותים פון די וועלט אלע בלבולים, מניעות, הסתות און פיתויים ווערן צוגאנגען קעגן די ריינע לויטערע ליכטיגקייט פונעם הייליגן רבי'ן.

"משיח וועט איינעמען די וועלט אן קיין שאס פולווער" האט די רבי אנטפלעקט. אן פיל רעש און פרסום שיקט די הייליגע רבי זיין אור צו אלע עקן וועלט, נאך און נאך אידן הייבן אן זיך צו איינהערן צום הייליגן טעלעפון ליין און הייבן אן לעבן א לעבן וואס ווערט אנגערופן לעבן.

ווי א פייער אין א פעלד פון דערנער גייט און פארשפרייט זיך די לוסטיגע בשורה צווישן שלומי אמוני ישראל, אויף די ליין וואס גיבט חיזוק, תקווה און חיות, במשנתו פון רבינו הקדוש והטהור זיע"א, ובכל מקום אשר דבר הצדיק ודתו מגיע שמחה וששון, התחדשות והתחזקות ליהודים.

## ווי אזוי וואלט די וועלט אויסגעזען אן מערכת ברסלב?!

הערט מען פיל זיך וואונדערן אין די איבערגענומענע מעסעזשעס וואס ווערן איבערגעלאזט אין מערכת. אין א דור וואס יעדע צווייטע ליידיגייער ווערט איבערגעדרייט אויף א פסיכילאג, און ניינציג פראצענט פון יונג און אלט ווערט דיאגנאזירט אלץ פראבלאמאטישע - וואס דארפן אריבערגיין א סעריע פון לעקציעס און שיעורים אין תורת הנפש...

א דור וואס די פראבלעמען וואקסן נאר פון טאג צו טאג, און ווער עס כאפט זיך נישט אן מיט א פעסקייט אינעם רעטונגס שיפל פון הייליגן רבי'ן, איז נאנט צו זיכער אז ער וועט זיך דערטרונקען אין די טיפע-אפגרונדן פון לעבן, פריער אדער שפעטער.. אין דעם אלעם שטייט 'מערכת ברסלב' און דעקט אויף פאר יעדער וואס איז חפץ בחיים, די גרויסע אור פונעם רופא הגדול וואס היילט די נשמות ישראל, גיבט איבער די קלארקייט און די שטארקייט וואס די צדיק לערנט מיט זיינע מענטשן, פאר ווער עס וויל אויסמיידן די גיהנם פון די וועלט, און אריבער גיין זיין לעבן ווי אין גן עדן ממש.



**א אסיפה אין אפיס** מיט די חברי מערכת ר' אשר מרדכי פריעדמאן, ר' יהוסף שווארץ, און ר' יחיאל רובין



**אסיפת התחזקות אין אפיס** פאר די חברי המערכת מיט ר׳ איתמר לייפער און ר׳ יואל משי זהב, סיון תשפ״ג

און די רעאקציעס פארשפעטיגן נישט אנצוקומען, אנגעהויבן פון די וואס באשיינען די מזרח פונעם יהדות החרדית, ביז די קלענסטע ממש. פון חשוב׳ע רבנים מגידי שיעורים, דיינים יושבי על מדין, תלמידי חכמים, מבקשים און עובדים וואס ווילן זיך דערהייבן אין עבודת השם, עס גייט ווייטער צו אינגעלייט עובדי השם - וואס אזוי ווי אלעמען גיט זיי די יצר הרע נישט קיין מנוחה און זייער ווילן איז צו ערפילן דעם רצון השם, לערנען דאווענען מיט א ברען און א חיות, זיך דערהייבן אביסל פון די הבלי עולם הזה, זיך צו מתענג זיין מיט די טעם פון א שבת און פון א יו״ט, ווערן צוגעצויגן צו די ליכטיגקייט.

בעלי בתים וואס פרובירן אויך מיט אלע כוחות צו בלייבן ערליכע אידן צו היטן אויף די אויגן, אויף די מחשבה, צו אויפהייבן די קאפ איבער די גאלאפ פונעם לעבן. אינגע בחורים וואס זייער ריינעם זעהל גלוסט און בענקט צו זייער באשעפער ׳הגידו לי את שאהבה נפשי איכה תרעה איכה תרביץ בצהריים׳. און אויך גאר דערווייטערטע וואס האבן שוין לאנג פארלוירן יעדן טעם אין אידישקייט רח״ל, אבער זייער אידישע נשמה לאזט זיי נישט מנוחה.

אלע אינאיינעם, לויבן, דאנקן און בארימען די טעלפאון-ליין, וואס האט זיי צוריקגעקערט צום ארץ החיים, עס האט זיי אריינגעברענגט א אמת׳ע קלארקייט אין עבודת השם. יעדע פאר טעג לאזן איבער מענטשן - וואס יעצט זענען זיי נאך אינדרויסן און אויך אזעלכע וואס זענען געווען און זענען מקורב געווארן פונדאסניי - גאר מרוגש׳דיגע מעסעזשעס.

ווען די צד השוה צווישן אלע איז אז זיי טרעפן נישט די פאסיגע ווערטער צו קענען אויסדרוקן די געפילן פון זייער הארץ, די געשמאק און די חיות וואס זיי האבן באקומען פון ווען זיי האבן אנגעהויבן הערן די הייליגע ׳מערכת׳.

## לעבנס רעטער׳ס

״פארוואס פארשפרייט איר נישט גענוג די נומער פונעם ליין?!״

פארשטייען נישט די גרעאטעוועטע. ׳פון אלע האטליינס קענען זיך דרייען קארטלעך און מודעות אין די מאסן, און נאר פון די טעלעפאן ליין - די ליין פון לעבהאפט און די געברויך פון יעדער וואס וויל לעבן - איז נישטא גענוג אדוועטייזמענטס?!׳

וואונדערן זיי זיך מיט א קול דממה דקה, וואס דונערט מיט א געשריי פון רחמנות - וואס צורייסט יעדן הארץ - אויף די צענדליגע טויזענטער נשמות וואס קוילערן זיך נאך אין שטויב און וואלגערן זיך אין די מיסטן.

אן קיין צאל מעסעזשעס פון לויב און דאנק קומען אן צום מערכת, ווי די איבערלאזער דרוקן אויס זייערע געפילן וואס נעמט איבער זייער הארץ, ווען אלע ענדיגן צו מיט די ווערטער "פיל מער וויפיל איך האב געזאגט איז דא צו זאגן".

"עס איז נישט פארהאן די ווערטער אין די וועלט צו איבערגעבן וואס איך בין שולדיג פאר 'מערכת ברסלב'...".

און נישט נאר די פונדרויסן...עלטערע אידן וואס זענען שוין יארן לאנג אינעם חיידער פונעם רבי'ן, זאגן אויך עדות, אז פון דאן וואס זיי הערן 'מערכת ברסלב' איז די גאנצע רבי'נס זאך נשתנה געווארן ביי זיי לטובה אויף נישט צום דערקענען.

די דבר ה' הנשמעה ברמה מיט א פעסטקייט און שטארקייט, עס וועקט אויף פונדאסניי די אהבת קדומים, פלאמט אויף פונדאסניי די די פייער פון הייליגן רבי'ן.

מענטשן וואס האבן זוכה געווען צו געבוירן ווערן ביי א ברסלב'ע משפחה, צומאל ווערט די זאך איבערגעדרייט אויף א געוואוינהייט...

ווען זיי האבן נאכנישט פארזוכט א טעם אין לעבן אנעם צדיק... דרוקן זיך אויס אז זיי פילן ווי זיי זענען מקורב געווארן יעצט פונדאסניי בזכות דעם ליין, זוכן דעם צדיק און זיין רוח הקודש באקומט ביי זיי א נייעם שטאנד, א דערהויבענקייט מיט התחזקות און א זעלטענע התחדשות.

## מיין גאנצע קשר צו ברסלב איז נאר 'מערכת ברסלב'...

מערקן אויף צענדליגע צוהערער. "איך בין שוין מקורב, אבער דאווענען אין בית מדרש ע"ש הצדיק איז נאכנישט פאר מיינע כוחות". אדער מקורבים שוין פון לאנג, אבער די ענגשאפטן וואס מאכן זיך, לאזט זיי נישט קומען זיך צאמנעמען מיט אנשי הצדיק, צו מקבל זיין און אנשעפן איינער פון צווייטן, זיך צו שטארקן מיט די וועגן פון לעבן וואס דער הייליגער רבי האט אונז געלערנט, אזוי ארום אז די ליין איז דאס אייציגסטע פארבינדונג זייערע מיטן הייליגן רבי'ן.

אנדערע טייטלען אן אויף אן אנדערע פונקט, 'ביז פאר אפאר יאר צוריק האט געמומען צומאל פאר א פרישן מקורב, לאנגע יארן און צייטן וואס ער האט זיך ארומגעדרייט ארום און ארום, געזוכט, טועם געווען אביסל, פרובירט, פיל געבלאנזשעט אין זיין מיינונג, צומאל האט ער געקענט ווערן פארשטעקט ביי פארשידענע קהילות און מפורסמים וואס פארקויפן זייער סחורה אינעם נאמען פון רבי'ן...

און ביז ער איז אנגעקומען צו די נקודה הפנימית, צום הייליגן רבי'ן אליינס, האט געקענט נעמען לאנגע תקופות באגלייט מיט צומישטקייטן, און אסאך אנטוישונגען. און



די חברי המערכת המערכת ביי די עבודת הקודש



די פרישע גליונות אנגעגרייט צו פארשפרייטן



מען דרוקט ארויס די גליון אין בארא פארק.

דאס אויב ער איז בכלל טאקע אמאל אנגעקומען צו די אמת'ע נקודה... אבער פון דאן וואס עס האט אויפגעשיינט די לעכטיגקייט פון "מערכת ברסלב" אויפן וועלט, האט די גאנצע התקרבות באקומען א פנים חדשות, שוין ביים אנהייב באקומען זיי דעם גאנצן בילד בשלימות, סערווירט אויף א זילבערנע טאץ. דעם רבי'נס אמת ריין און לויטער שמן זית זך.

## די אידעאלטסרייכע גליון 'האירה'

אויב האבן מיר געטראכט ביז היינט אז דאס וועט זיך אפשטעלן דא, שטעלט זיך ארויס אז מיר האבן געגרייזט. און נאך ווי... שבועות תשפ"ג, איז ארויף די דערנעטנרונג צו די גאולה און די פארשפרייטונג פונעם הייליגן רבי'נס אור - אויף שטאפלען וואס מיר האבן נישט געטראכט אויף דעם, דערגרייכענדיג פרישע הויכפונקטן.

די גאולה וואס דערנענטערט זיך און שפרייזט מיט גרויסע טריט, האט די לעצטע תקופה פארשנעלערט איר גאלאפ... די מסירות נפש'דיגע אינגעלייט, וואס אויך ביז אהער רוען זיי נישט פון זייער עבודת הקודש 'לגלות הסגולה לעם סגולה', האבן גענייגט זייערע הענט צום צווייטן מאל, זיי האבן זיך נישט באגנוגט און בארוהיגט מיט דעם וואס עס טוט זיך שוין אויפן וועלט ביז אהער, די פעולות חובקות זרועות עולם. מיט פרישע באנייטע כוחות זענען זיי ווידעראמאל אריינגעשפרינגען אין טיפע וואסערן, זיך צו פאראויסרוקן מער און מער אינעם ארבעט פון פארשפרייטן זיין הייליגן דעת אויפן וועלט, ווען עס איז זיי געקומען אויפן געדאנק ארויסצוגעבן לאור עולם א גליון מפואר מיט'ן נאמען 'האירה', א בלעטל אהערגעשטעלט בטוב טעם ודעת, וואס ברענגט דעם רבי'נס זאך אין א גאר פראכטפולן כלי, צוענדיג, אינטערעסאנט, און דראמאטיש.

> ווי עס ווערט נאר אוועקגעלייגט די גליונות ווערט עס פארכאפט ווי הייסע פרישע בייגעלעך, יעדן ביהמ"ד, מקוה, שטיבלאך, וואס איז זוכה צו באקומען אפאר איינצלנע גליונות ווערט געזען די צמאים לדבר השם וואס ליינען מיט דארשט...

די גליון וואס כאפט אן אויג איבער אלע זיינע באצויברנדע אפטיילונגען, וואס ערשיינט יעדע צוויי וואכן, און ווערט געדרוקט אין די צענדליגע טויזענטער, ווערט אנגענומען אין אלע שיכטן פונעם ציבור 'כמים קרים על נפש עיפה'.

אין יעדן פלאץ ווי עס ווערן אוועקגעלייגט די גליונות ווערן זיי פארכאפט ווי פרישע בייגעלעך, יעדן בית מדרש, מקוה, שטיבלאך, וואס איז זוכה צו באקומען אפאר איינצלנע גליונות ווערט געזען די צמאים לדבר השם וואס ליינען מיט דארשט דעם שפאנענדן גליון, אנטדעקענדיג נייע וועלטן, פארזוכן א טעם פון חיים טובים, די ריח הניחוח פונעם צדיק אמת וואס בלאזט פון צווישן אירע בלעטער, די קלאנג פונעם גאולה הכללית והפרטית וואס שרייט פון יעדן אפטיילונג און באשרייבונג פאר זיך.

מ'שפּאַנט פּא

אנליין לנשימה 24

# מ'אָטעמ
# דעם רבי



ועל כן העיקר להיות מקורב להצדיק ודבוק בו באמת בכל עת ורגע, **ובכל נשימה ונשימה שהוא נושם וממשיך הרוח חיים, יזכור תיכף שהנשימה הזאת שהיא החיות שלו נמשך מהצדיק האמת שדבוק בהתורה ובה' יתברך**, ויזהר להתקרב לה' יתברך ולהתורה ולהצדיק בכל נשימה ונשימה, ולעבוד את ה' יתברך בכל נשימה ונשימה, וכמו שאמרו רז"ל: 'כל הנשמה תהלל קה, על כל נשימה ונשימה תהלל קה. (ליקוטי הלכות העושה שליח לגבות חובו ג)


ראויס...
אַה... דער לייין וואס
פאמפט אריין אין מיר
פרישע חיות 24 שעה!
איך זעה לעצטנס מיין חבר ר' יאנקל איז געווארן
א נייע מענטש, צופרידן און אויפגעלייגט...
איך בין דערגאנגען די סוד, ער הערט 'מערכת ברסלב'...
מערכת ברסלב
קול נשימה
מערכת ברסלב לופט צו אטעמען
ענגלאנד:
0330.390.0487
ארה"ק:
02.5.808.321
אמעריקא:
518.752.0444




# רעוואלאציע

## א אינערליכע אריינבליק אינעם וועלט פון הפצה

אמאל | היינט <<<



## ברסלב תקפ"ד:

אין אן איינגעווארפן הייזל ביים עק שטעטל, זיצט דער הייליגער רבי נתן ביי א טישל. ווען צום שיין פונעם לאמטערנע שרייבט ער א בריוו צו זיין באליבטע זוהן רבי יצחק, א בריוו דורכגעווייקט מיט התחזקות און הדרכה אויף יעדן געביט אין לעבן. די פעדער מיט וואס ער שרייבט האט ער הערשט יעצט געשאפט, זייענדיג שוין א שטיק צייט אן אזא ארטיקל.

אויך האט ער זיך לעצנטס דערזען מיט א מאנגל אין טינט, וואס פאראורזאכט א שטארקע פארשטייטערישקייט אין די ארבעט פון דרוקן די הייליגע תפילות. די הייליגע הארץ פון רבי נתן איז פול מיט זארג, נאך דעם וואס עטליכע וואכן צוריק האט ער ארויסגעשיקט א בריוו צו זיין זוהן, און ער האט אויף דערווייל גארנישט צוריקגעהערט.

נישט גרינג גייט פאר רבי נתן צו שאפן די פילע סומעס פון געלט, צו קענען דרוקן דעם הייליגן רבי'נס ספרים. א גרויס טירחא איז פארן הייליגן תלמיד אויסצופירן זיין לעבנס מיסיע; 'פארשפרייטן דעם לעכטיגן אור פונעם נחל נובע'. דא פעלט אים טינט, דא צוברעכט זיך א פעדער.

היינט ווארט מען אויף א בריוו אויף צוריק, און יעצט איז קיין געלט נישטא. ווען אינצווישן ליידט מען ביטערע רדיפות פון די חולקים.

די הייליגע תלמיד איז געצווינגען צו ענדיגן דעם בריוו, כאטש ער האט נאך פיל צו שרייבן, אבער די פאסט טרעגער גייט שוין. לייגט ער אראפ דעם פענע, טוט זיך אן די אויבער ראק, מאכענדיג דעם וועג ארויס פון שטוב אין ריכטונג פונעם וועלדל, ווי ער גייט אט זיך אויסגיסן זיין הארץ פארן טאטן אין הימל.

## ירושלים עיה"ק תשפ"ד:

אין א הויכע בנין נאנט צום ציון פון שמעון הצדיק, אין א דירה'לע פון דריי צימערן וועלכע איז פארוואנדלט געווארן אין אן אפיס. זיצן עטליכע אינגעלייט אריינגעטון אין די מלאכת הקודש פון פארשפרייטן דעם הייליגן רבי'נס אור.

די צייט איז שוין עטליכע שעות אריין אינעם טונקעלן נאכט, אבער אינעם אפיס פון מערכת ברסלב זעהט זיך עס גארנישט אן. מיט אן אויסערגעווענדליכן איבערגעגעבנקייט, זיצן די טייערע אינגעלייט וואס געבן זיך אוועק, ארבעטן און טוען כדי צו פארשפרייטן די ליכטיגקייט פון די גאולה.

במשך אלע שעות פון טאג, ביז אין די פריע פארטאגס שטונדען, ווירבלט די אפיס מיט א שטאב פון איבערגעגבענע אינגעלייט וואס זענען פארנומען יעדער מיט זיין חלק אין די הייליגע ארבעט.

איינער ארבעט איבער א שיעור, זיכער מאכענדיג אז עס איז גענוג קלאר. א צווייטער זיצט און שרייבט פאר די גליון. נאך איינער איז פארנומען צו מאכן אינטערוויא'ס, אויפקומען מיט געדאנקען וואס זאל זיין אינטערעסאנט און תוכנ'דיג, נאך לויפן פארשידענע מענטשן, זיי משכנע זיין, אפרעדן א צייט וואס שטימט פארביידן וכו'. איינער איז פארנומען צו ערלעדיגן די שיעורים פון אלע ברסלב'ע בתי מדרשים אין ישיבות זאלן אנקומען ווי שנעלער, אז עס זאל זיין פרישע סחורה. איינער איז מסדר די הפצה פאר האירה אין גאנץ ארץ ישראל. אין די צייט וואס די ראש המערכת זיצט אויפן טעלפאון שוין איבער 3 שעה מיט איינער פון חשובי אנ"ש, צו זעהן וויאזוי צו איבער געבן א געוויסע האקעלע נושא פאר די טויזנטער צוהערער.

נישט גרינג קומט אן פאר די געטרייע עסקנים צו זיין די שלוחים פון הייליגן רבי'ן פאר אט די הייליגע מיסיע, פיל חלישות הדעת און בילבולים גייט איבער אויף יעדן פון זיי, כסדר שפירען זיי "דאס איז עס איך קען נישט מער!".

אבער זיך דערמאנענדיג אין די פילע טויזענטער אריינרופער וואס שעפן לופט צום אטעמען פון אט דעם ליין, עס שווימט ארויף די צענדליגע מעסעזשעס פון בחורים און אינגעלייט, זקנים ונערים, וואס באדאנקען זיך פון טיפעניש פון הארץ פארן ליין וואס איז פשוט זייער אקסעזשין, דאן איז מען געצווינגען צו אנגיין מיט די הצלת נפשות ארבעט. טראכטענדיג וויאזוי וואלט די הייליגער רבי נתן ז"ע - ווען ער האט ווען די היינטיגע טעכנאלאגישע מיטלען - עס אויסגענוצט צו פארשפרייטן די אור פון הייליגן רבי'ן.

**במשך אלע שעות פון טאג, ביז אין די פריע פארטאגס שטונדען, ווירבלט די אפיס מיט א שטאב פון איבערגעגבענע אינגעלייט וואס זענען פארנומען יעדער מיט זיין חלק אין די הייליגע ארבעט...**



**פאנדרעזינג צימער.**
ר' יהוסף שווארץ ביי די עבודת הקודש



## זשילקאווסקי פולין תרפ"ד:

ר' אלי' איז א פשוט'ע איד, אויפגעוואקסן איז ער צו ערליכע תמימות'דיגע עלטערן, וואס האבן אים מחנך געווען אויף די ריכטיגע הייליגע תורה-טרייע וועג. אין זיינע קינדרישע יארן איז ער געזעצן ביים מלמד, און פלייסיג געלערנט. אויך אלס בחור איז ער געשטיגן, זיצענדיג אין שטיבל שווימענדיג אינעם ים התלמוד והחסידות. אויך נאכ'ן חתונה, האט ער ממשיך געווען מיט די עבודה פון לערנען און דאווענען.

ווען די קינדער זענען אביסל אונטערגעוואקסן, און די פאמיליע האט זיך פארגרעסערט, און צוזאמען מיט איר אויך די הוצאות, האט ר' אלי' זיך אנגעפאנגען שפייזן פון זיין פאך אין שניידעריי. פונעם גאנצן שטאט איז מען געקומען ברענגען סחורה צו אים, וואס ער האט אויפגענייט.

אזוי איז ר' אלי' געווארן מער און מער פארנומען, ווען רוב שעות פון טאג זיצט ער און באדינט זיינע קונדען. און דאן ווען ער האט זיך געכאפט וויפיל שעות תורה ותפלה, די ארבעט נעמט אים אוועק, איז ער אריינגעפאלן אין א מורא'דיגע צובראכענקייט. לאנגע טעג, האט ער זיך ארומגעדרייט מיטן קאפ אראפ, נישט וויסענדיג וואס צו טון מיט זיך פאר צער.

אין א טאג, האט ר' אלי' באמערקט ביים דאווענען א גאסט, יענער האט נישט אויסגעזען ווי עפעס א רב אדער א רבי, אבער עפעס אין זיין דאווענען האט געצויגן ר' אלי'. נאכן דאווענען איז ער צוגעגאנגען צו אים מיט א ברייטן שלום עליכם, און זיך אריינגעלאזט אין א שמועס, ווען בתוך הדברים רעדט זיך ר' אלי' אויס זיין שווער הארץ איבער דעם וואס די ארבעט נעמט אים אינגאנצן אוועק פון עבודת השם. דער גאסט - וואס ר' אלי' האט שוין יעצט געוויסט אז ער איז א ברסלב'ע חסיד - האט זיך אריינגעלאזט אין א לענגערע שמועס מיט אים, מיט פייערדיגע דיבורים ווי אזוי מען קען דינען דעם אויבערשטן אין יעדן מצב, ווען ביי די ענדע האט ער איבערגעלאזט א באנד פון ספה"ק ליקוטי הלכות ביי ר' אלי'ן אין האנט. פון יענעם טאג און ווייטער, איז ר' אלי' נהפך געווארן לאיש אחר, ווערנדיג א פייערדיגע ברסלב'ע חסיד.

אבער זייענדיג איינער אליינס אין א שטעטל, וואס האט זוכה געווען צו זיין נקרא על השם הצדיק, איז עס געווען גאר שווער

## יוניאן סיטי ניו דשערסי תשפ"ד:

חיים נחום איז געווארן א ברסלב'ע חסיד שוין אלס בחור, דעמאלטס איז ער מקורב געווארן מיט נאך עטליכע חברים אין ישיבה, ער געדענקט די טעג וואס ער איז ארויס פון התפעלות פון די רבי'ס עצות וואס האבן אים אזוי אויפגעראכטן און זיין יענע שווערע מצב, זינט דאן פארפאסט ער נישט א טאג התבודדות אויך זיינע שיעורים אין ספרי רבינו וועט ער אויף קיין פאל נישט אויפגעבן "דאס איז דאך מיין רוח חיים", ענטפערט ער נישט איינמאל, פאר אזעלכע וואס מאכן אויף גרויסע אויגן הערנדיג אז אויך ער איז מקורב צום צדיק הדורות, לעצטנס האט דער אויבערשטער געפירט אז ער האט זיך געמוזט ארויס ציען פון שטאט, צו א קליין שטעטל וואס עס איז כמעט נישטא קיין ברסלב'ע חסידים דארט, זיכער נישט קיין ביהמ"ד.

פאר חיים נחום - וואס איז גאר א רעדוודיגע טיפ - איז עס ממש א גיהנם, נעמליך נישטא מיט ווער צו רעדן שיחת חברים.

אבער נישט געזארגט ווען ער האט עפעס גוטס צו זאגן אדער האט ער פונקט געזעהן א שטיקל וואס 'כאפט' האט ער די נומבער פון "מערכת ברסלב" אויפן ספיד-דייל, דארט דריקט ער אריין אינעם שיחת חברים קנעפל וואו ער קען רעדן און הערן, ממש א מחי' "וואו א איד געפינט זיך אויפן וועלט האט ער חברים מיט וועם צו רעדן אין עבודת השם".

**אין די צייט וואס די ראש המערכת זיצט אויפן טעלפאון שוין איבער 3 שעה מיט איינער פון חשובי אנ"ש, צו זעהן וויאזוי צו איבער געבן א געוויסע האקעלע נושא פאר די טויזנטער צוהערער...**

>>>

פאר אים. נישט האבענדיג מיט וועם אים אויסצוטוישן א ווארט, אינעם רבי'נס זאך.

כאטש פון איין זייט איז ער טאקע געווען איבערגליקליך מיט אט דעם נארוואס געפונענעם אור, דאך איז אים עס געווען ביטער שווער, זייענדיג איינער אליין א ברסלב'ער אין שטאט. נאר איינמאל אין אפאר חדשים, - ווען עס האט זיך געמאכט אז א ברסלב'ער חסיד איז דורך געפארן די שטאט, אזוי אויך ר"ה ביים קיבוץ, - האט ער געהאט מיט וועם צו שמועסן, מקבל זיין דין מן דין, זענדיג נאך ברסלב'ע חסידים און הערן זייער נקודה.



## בארא פארק תשס"ד:

מיט הנאה דרייט ער איבער די טעיפ אויף די אנדערע זייט און גיבט א דריק אויפן קנעפן "פלעי" און עס הייבט ווייטער אן גיסן די פערל רייד פון הגה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל. נישט גרינג איז אים אנגעקומען צו שאפן אט די שיעור, עס איז שוין א לענגערע צייט זייט ער האט זיך באקענט מיט די אור פון ברסלב טרעפנדיג אן אלטע פארגעלטע עלים לתרופה אין שמות, זינט דאן זיכט ער און נישטערט ווי מיט לעכט נאך און נאך דיבורים. אין א ברסלב'ע ביהמ"ד שעמט ער זיך נאך אריין צו גיין, און כמעט וואס ער הערט נישט און זעהט נישט קיין דיבורים וואס זענען נובע פון דעם קוואל אויף וואס ער לעכצט, לעצטנס האט ער דערווישט דעם טעיפ און ער הערט עס אצינד צום דריטן מאל, זיין חברותא וואס איז א ברסלב'ע געבוירענער איז היבש קאלט צו די גאנצע זאך. און וויבאלד ער וואוינט גאנץ ווייט פון א ברסלב'ע שוהל גייט ער כמעט נישט אהין, ער איז אזוי דורשטיג צו הערן שיעורים, דרשות, שמועסן א.א.וו. געוואהר ווערן נאך מושגים אין רבין'ס זאך, אבער עס גייט אים אזוי שווער.

## קרית יואל תשפ"ד:

הערשל איז א חסידישע בחור א דורש ומבקש את ה', פון די מצויינים פון ישיבה, זייענדיג א בחור וואס לייגט א יעדן טאג אראפ א דאווענען מיט א קאך, און פילט אן די סדרי הלימוד מיט א געוואלדיגע פלייסיגקייט, דאס איז אויסער זיין זייטיגע שיעורים וואס ער לערנט אין זיין פרייע צייט, קוקן אים זיינע חברים אן ווי א מושלם וואס אלעס גייט אים גוט, אבער הערשל אליין שפירט עפעס א חסרון. ער קען נישט פונקטליך אנדייטן וואס אבער ער פילט אז ער האט נישט קיין שלימות ער וואלט געוואלט דאווענען און לערנען אסאך אסאך בעסער. אזוי אויך מיט זיינע פריוואטע נסיונות ספראוועט ער זיך זייער שווער, עס איז דא טעג וואס ער מאכט אפ אז ער גיבט אויף די קאמף ער קען נישט מער, ער וואלט באמת געוואלט זיין ווי די צדיקים פון די מעשיות וואס "פון אינגווייז אן האט מען שוין געזעהן..." אבער עס גייט אים נישט. יא, פון אינדרויסן קוקט ער אויס ווי די "בעסטע" בחור אין ישיבה אבער אינעווייניג שפירט ער זיך פיל ווייטער ווי דעם.

אין א טאג - עטליכע חדשים צוריק - האט ער באמערקט אן אנאנס איבער א ליין 'מערכת ברסלב' וואו מען קען דארט הערן שיעורים פון משפעי ברסלב, זייענדיג א מבקש האט ער אינסטינקטיוו געדריקט די קנעפלעך, געמיינט האט ער אז ער וועט אויסהערן אפאר מינוט, זעהן וואס טוט זיך דא, און אראפלייגן, אבער ווייניג האט ער געוואוסט אז מיט דעם קליינעם טאהט גייט זיך טוישן זיין לעבן, הערשל איז ווי געווארן צוגעבינדן צום דעם ליין, א יעדן טאג נאך ישיבה האט ער א קביעות א האלבע שעה הערט ער אויס די מערכת, ער דערקוויקט זיך מיט די שיעורים, אינטערוויאס, סיפורי התקרבות א.א.וו. ער ווערט געוואר די געוואלדיגע עצות פון רבי'ן אין יעדן געביט פון לעבן און בפרט די יסודות ווי נקודות טובות, התבודדות, התקשרות לצדיק א.א.וו. און ער פראבירט עס מקיים צו זיין, ער פארציילט פאר קיינעם נישט איבער די "פייגלעך" וואס ער האט אין קאפ אבער צוביסלעך ווערט ער א פארטיגע ברסלב'ער ווויסנדיג מושגים וואס אמאל האט עס געדויערט יארן צו געוואר ווערן.



**דער יו"ר המערכת**
ביי די עבודת הקודש

## אונטערשטע שורה:

**מערכת ברסלב האט געמאכט א רעוואלוציע,** פארשפרייט דעם אור הצדיק אויף אן אופן ווי קיינמאל בעפאר.
אידן פון איבער די גאנצע וועלט רעדן זיך דארט צונויף.
א ביהמ"ד און א ישיבה ווי "יעדער" קען "אלעמאל" אריינקומען הערן און דערהערן, א הצלת נפשות אפאראט אין פילן זין פון ווארט...

בס"ד

# גו
# מיט
# הקודש

"כל מי שצריך ישועה
לו או לבני ביתו בכל
ענין שהוא, בוודאי בל
שום ספק יראה ישועו
גדולות בזכות זה"




**SHMUEL MOSHE KREMER**
Author Of Mayanim B'Nechalim
President, Talmud Tora BRESLOV
Rosh Kollel OR HANELAM
8 Yochanan Mizrachi St. Tel: 972-2-5829514
JERUSALEN

**שמואל משה קרמר**
מח"ס מעיינים בנחלים
נשיא מוסדות התורה והחינוך
ברסלב
ירושלים-בית שמש
ורו"כ אור הנעלם ברסלב
עיה"ק ירושלים תובב"א


**אדר א' תשפ"ב**

**בס"ד**

באתי בשורות אלה לחזק ידי עושי המלאכה, העושים ועוסקים במלאכת הקודש בכתף ישאו את הפצת אורו ודעתו של רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א, בהפעלת קו-טעלפאון בשם "מערכת ברסלב" ובו מאות ואלפי שיעורים בתורת רבינו, ושיחות בעבודת ה', וסיפורי התקרבות המעוררים את הלבבות להתחדש כנשר בתורה ועבודה על הדרך הכבושה שסלל לנו אותו זקן דקדושה זיע"א.

והנה ביודעי ומכירי קאמינא כי רבי רבבות ישמעו בקול הקו-טעלפאון הקדוש והנפלא הזה, והרבה מהם זכו כבר להתקרב לאבינו שבשמים ע"י שהאזינו באוזן קשבת לתוכן הנפלא שבקו-טעלפאון זה, אשר נטל על עצמו המשימה להאיר את אור האמונה והשמחה בדור חושך כזה.

וכבר כתב רביה"ק בפירוש בספה"ק ליקוטי מוהר"ן (תורה ס"ז תנינא) כי פרסום שם הצדיק הוא פרסום שם ה', והאריך מוהרנ"ת (בליקוטי הלכות שבת הלכה ה') שעל ענין זה עיקר התגברות הבעל דבר והסטרא אחרא אשר כולם מסטרא דקליפת המן עמלק, ואשר בזה תלוי הגאולה, וכן כתב רבינו ז"ל בספר המידות "ביאת המשיח תלוי בקרבת הצדיקים".

ואין צורך להאריך במעלת ההפצה ע"י הקו-טעלפאון הזה, כאשר ברגע אחד יכולים לשמוע את דבר ה' בכל רחבי תבל, וכמדומה שכהיום המערכת הוא השופר הגדול להפצת אורו ודעתו הקדוש של רבינו בעולם.

ובפרט שבעלי הנהלת המערכת עושים הכל בעצת זקנים, בדרך רבינו הק', אשר הלכו בו אנשי שלומינו מעולם, המסורה מפי תלמידו הגדול מורינו הרה"ק רבי נתן זיע"א ותלמידיו ותלמידי תלמידיו זיע"א דור אחר דור.

על כן אקרא בזה לכל אשר נדבה רוחו אותו להרים את תרומת נדבת לבו למען המשך החזקת והפעלת הקו-טעלפאון אשר כאמור הוא נצרך מאוד בדורינו השפל, ובוודאי ברור כשמש שכל מה שכתוב בספרי רבינו על צדקה לצדיק מכוון גם כן על זה, וכמ"ש בתורה ע' שכל מי שנותן צדקה לזה הצדיק מתברך מיד, לכן כל מי שצריך ישועה לו או לבני ביתו בכל ענין שהוא, בוודאי בלי שום ספק יראה ישועות גדולות בזכות זה.

ובאתי על החתום

שמואל משה קרמר

שמואל משה קרמר
נשיא תלמוד תורה "ברסלב"

# רולי זקני אנ"ש האלטן
# פון די נאנט די פעולת
# פון 'מערכת ברסלב'

דרוקן זיך אויס מיט זעלטענע לשונות איבער די גרויסקייט פונעם טעלעפאן-ליין, און איבער די אלע וואס האבן א חלק אין אויפן שטעלן די יסוד פון די הייליגע מערכת



YAAKOV MEIR SHECHTER
President "**Keren Or**" Instituions
JERUSALEM
4 Tidhar St. Tel. 972-2-3132210

**יעקב מאיר שכטער**
נשיא מוסדות "קרן אור"
בעיה"ק ירושלים תובב"א
רח' תדהר 4 י-ם טל. 02-3132210

בס"ד

כ"ב חשון תשפ"ד

הנני מצטרף לדברי הרה"צ רבי משה קרמר שליט"א
להמליץ אודות הקו טלפון מערכת ברסלב
שמפיץ דברי רבינו ז"ל בדרך המסורה.
וכל העוזרים והמסייעים שכרם הרבה מאוד

יעקב מאיר שכטער

יעקב מאיר שכטער
נשיא מוסדות "קרן אור"
בעיה"ק ירושלים תובב"א



קול נשימה
מערכת ברסלב לופט צו אטעמען


אמעריקא:
518.752.0444

ארה"ק:
02.5.808.321

ענגלאנד:
0330.390.0487

**קרדיט בילדער:** ברסלב נייעס

א סיפור התקרבות
וואס איז אנגעקומען צום מערכת

# אנדעקט ליכטיגקייט

א אינגערמאן פון קרית יואל שילדערט ווי אזוי דורכ'ן אנהייבן הערן די מערכת איז ער 'פארכאפט' געווארן קיין ברסלב און איז היינט זוכה צו לעבן א חיים טובים מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן א דאנק מערכת ברסלב.



## אה, נאך א האטליין צו ערפילן די צייט

אין יענע מינוטן ווען מיינע פינגער האבן געדרוקט די נומערן אויפן סעלפון רופנדיג צום ערשטן מאל די טעלעפאן ליין "מערכת ברסלב", האב איך נישט גע'חלומ'ט בכלל אז מיט דעם קליינעם שריט גייט מיין לעבן ווערן גענצליך איבערגעדרייט - בעסער געזאגט אז איך וועל פשוט אנהייבן לעבן!

געמיינט האב איך אז איך האב געשאפט דא נאך עפעס א נומער פון א ליין וואס וועט מיך העלפן אנפילן די הויפענעס ליידיגע צייט אין מיין טאג. עס איז געווארן צוגעלייגט צו מיינע קאנטאקטס אלץ נאך איינע פון די פולע לייגס פון פארשידענע חצירות וואס איך פלעג זיך איינהערן כסדר, נישט האבנדיג עפעס בעסער צו אנפילן די שפע פון ליידיגע מינוטן וואס איך האב פארמאגט.

שוין דעמאלטס ביים ערשטן קאל, האט מיר די ליין געצויגן. די גאר קלארע, געשמאקע קעפלעך און אריינפירן האט מיר שטארק געכאפט. תיכף ביים אריינרופן האב איך זיך דערקוויקט מיט א געשמאקע אינטערוויא וואס איז געווען דעמאלטס ביי די נייעס. מישנדיג ווייטער האב איך אנדעקט אזויפיל שיינע שיעורים און שמועסן וואס ווערן ארויפגעלייגט יעדן טאג. איך האב געטראכט צו מיר, ווען איך זאל ווען נאר פריער האבן די נומער פון די האטליין, וואלט איך שוין געלעזט די איבריגע מינוטן פראגע וואס האט געפלאגט מיין סדר היום.

## אנטפלעקט א נייע וועלט

איך האב זיך אנגעהויבן איינהערן אביסל די שיעורים און איך בין ממש געווען אין שאק. פארדעם פלעג איך טראכטן, וואס קען איך שוין הערן אין א ברסלב'ע ליין? מסתמא אפאר זשאקס ווייל מען דארף זיין פריילך, אפשר הערט מען דארט אפאר נ נח ניגונים אדער גאר עצות אויף שלום בית. אבער דא הער איך פלוצלינג נאר איין זאך, 'עבודת השם'. פשוט א האטליין פון עבודת השם, ממש א חידוש בעולם ההאטליינס.

און אלעס מיט אזא קלארקייט און א געשמאק. ווען איינער זאל מיר זאגן פארדעם אז מען רעדט פון א ליין פון עבודת השם, וואלט איך אין מיין לעבן נישט אריינגעקאלט. איך בין דאך נישט קיין עובד השם, און וואס קען מען שוין הערן דארט, שובב"ים תורות וכו' אבער דא פלוצלינג אנדעק איך א נייע וועלט - עבודת השם מיט אן אויסטערלישן 'געשמאק'.

די עצם זאך האט מיר קודם געטוישט מיין גאנצע בליק אויף ברסלב. פארדעם איז עס אנגעקוקט געווארן ביי מיר ווי גאר א מאדנע זאך; אזעלכע משוגעים וואס זענען א גאנצן טאג ביז'י אז מען דארף זיין פריילך און נאכדעם גייען זיין אין וואלד שרייען און רעדן צו די ביימער, און די גרעסטע מצוה ביי זיי איז פארן ר"ה אין אומאן וכו' וכו'. דא אבער טרעף איך פלוצלינג אן אנדערע וועלט! א פלאץ וואו מען רעדט פון דעם אויבערשטן. אזעלכע געשמאקע משפיעים און מגידי שיעורים. אין די שמועסן און אין די אינטערוויאס ברענגט מען כסדר ארויף מענטשן וואס הערן זיך גאנץ נארמאל און מיושב'דיג, און וויסן אפילו מער וואס זיי ווילן אין לעבן ווי די מענטשן וואס איך קען.

פארשטייט זיך אז מיין גאנצע בליק אויף אידישקייט - א זאך וואס איך האב אנגעקוקט מער ווייניגער ווי זאכן וואס מען מוז טון ווייל דער רבוש"ע דארף עס גאר וויכטיג פון אונז, און ווייל מיר שטרענגען זיך אזוי אן פארדעם צאלט ער אונז שכר אויף יענע וועלט - האט פלוצלינג באקומען עפעס א נייע סארט בליק. איך הער ווי אזוי אידן רעדן פון די פשוטע זאכן וואס איך טו יעדן טאג, מיט אזא חיות, כאילו ס'איז די געשמאקסטע זאך אויף די וועלט. איך האב אלץ געהערט די דיבורים אז אידישקייט איז געשמאק וכו', אבער חוץ א געשמאקע קה אכסוף און א פייערדיגע נשמת האב איך נישט געכאפט פונקט פון וואס מען רעדט. אבער דא האב איך געשפירט ווי די אידן ווייסן יא, עפעס געבט זיי דא חיות אין דעם.

## מקושר צום 'ליין'.

פארשטייט זיך אז גאנץ שנעל איז די מערכת טאקע געווארן איבערגעדרייט אלץ די זאך וואס

פארדעם פלעג איך טראכטן, וואס קען איך שוין הערן אין א ברסלב'ע ליין? מסתמא אפאר זשאקס ווייל מען דארף זיין פריילך, אדער גאר עצות אויף שלום בית, אבער דא הער איך פלוצלינג...





די בהירות וואס איך האב באקומען פון די שו"ת. **ר' שאול סירוטה שליט"א**

**הערן א האלבע טאג 'קרעטשמע' מיט בחצרות און נאך אפאר שעה 'קול מבשר' אפשמועסן א גאנצע סדר אין כולל... דאס פלעגט זיין מיין סדר היום פארן אנהויבן הערן די הייליגע מערכת..**

נעמט איבער מיין טאג. מיט אן אויסטערלישע ציה קראפט בין איך געווארן צוגעבינדן צו דעם און זיך פשוט באלעקט מיט די אויסנאם געשמאקע און ליכטיגע שיעורים און שמועסן. פשוט ווי פון זיך אליין האב איך אויפגעהערט צו הערן די ליינס פון די פולע חצרות הקודש וואס פלעגט מיר אונטערטעניגן פארדעם, וואס חוץ פרישע דברות קודש, מעלדונגען און באריכטן פון גרויסארטיגע מעמדים, חתונות, און אלע געהויבענע באזוכן פונעם רבי'ן שליט"א, בין איך נישט ארויס פון דארט מיט עפעס. און יעצט אנטדעקנדיג אזא קוואל פון חיות וואס איז געווארן פשוט לחם חוקי, האט דאס ממלא מקום געווען אלע אנדערע ליינס למיניהם, און איז אריינגעשטעלט געווארן ביים ספיד-דייל נומער 2 קנעפל אין מיין סעלפון.

אנהייב טאקע, ווען איך בין געווארן אנטציקט פון די געשמאקייט פון די מערכת, האב איך נישט געטראכט פאר קיין רגע אז ברסלב האט עפעס מיט מיר. איך האב טאקע זייער הנאה געהאט פון די אלע זאכן; די טעגליכע אויסנאם זיסע שמועסן פון **ר' יעקב נתן אנשין שליט"א**, די וועכנטליכע ווינקל מיט **ר' מרדכי שלום ראזענפעלד שליט"א** - וואס כשמו כן הוא זענען פשוט לעכטיגע געשמאקע שמועסן. די אויסערגעוועהנליכע קלארקייט וואס איך האב באקומען פון די וועכנטליכע שו"ת אפטיילונג מיט **ר' שאול סירוטה שליט"א...** אויף יעדן אפטיילונג עקסטער האט זיך שוין געלוינט די גאנצע מערכת. פארשטייט זיך אז דאס איז חוץ די נאך פילע שיעורים וואס גייען כסדר ארויף וואס זענען ממש מחי-ה נפשות.

## שיינע זאכן, אדער א וועג פון לעבן?!

אבער עס איז געווען מער אויף אן אופן אז מען קען דאך פון איבעראל נאשן די גוטע נקודות, אבער צו וואס דארף איך ווערן א ברסלב'ער וועגן דעם?! אבער צוביסליך האבן זיך געעפנט נאך און נאך נקודות וואס האט מיר אנגעהויבן שיינען, וואס האט מיר געגעבן צו וויסן אז דא ליגט עפעס אן אמת וואס איז נישטא צו באקומען אין ערגעץ. מען קען דאס נישט איינהאנדלען סתם דורכ'ן נאשן, ס'איז עפעס א סארט פנימיות'דיגע טיפערע זאך.

כמובן, איז נישט שייך אויסצושמועסן אלע נקודות וואס האבן מיר געכאפט ווייל ס'איז בלי סוף. אבער די עיקר נקודות איז וויכטיג צו דערמאנען. פארשטייט זיך בראש פון אלעם איז געווען די סיפורי התקרבות, וואס האט מיר ממש געדרוקט צום וואנט אז דאס איז עס, דא ליגט די זאך. איך האב געהערט וואס מענטשן זענען אריבער כדי זיך צו קענען קלאמערן אין דעם רבי'ן. די פילע קשיות און בילבולים וואס זיי האבן געהאט און אז עס איז זיי פארענטפערט געווארן און די נקודות וואס יעדער ברענגט ארויס וואס זיי האבן געטראפן ביים רבי'ן.

אזוי אויך, אלע כסדר'דיגע שמועסן וואס די מערכת שטעלט צו, צו געבן צו פארשטיין וואס



איז דאס ברסלב און צו פארענטפערן אלע קשיות וכו' ובראשם די וועכנטליכע **קלארקייט שמועס מיט ר' אברהם שמחה** שאין כמוהו בכל העולם, וואו ער איז אזוי שיין מסביר און ער קלארט אויס אלע צומישטע נושאים. ווי אויך די גאר אינהאלטסרייכע **חיפוש וביקוש קאנפרענץ** און די אלע כסדרדיגע שמועסן. אזוי איז אויך געווען פיל זייטיגע נקודות וואס האט אויסגעשריגן די געוואלדיגע 'אמת' פון ברסלב'ע חסידים.

אבער ווי געזאגט איז דאס געקומען מיט די צייט. במשך א לאנגע תקופה האב איך מיר איינגעהערט די מערכת ווי א דרויסענדיגער, און פארשטייט זיך אז געוויסע זאכן האבן מיר געבאדערט. ווען עס איז געקומען טאקע צו די אלע שמועסן האב איך זיך פשוט באנוצט מיטן נומער 8 קנעפל און געגאנגען ווייטער; דאס איז נישט פאר מיר. אבער מאכט זיך דאך יא אמאל וואס ס'איז געווען עפעס א גוטע ציענדע קעפל, האב איך דאך געמוזט אויסטשעקן וואס דארט טוט זיך. אדער אמאל האב איך זיך געטראפן אין א לאנגן ווינטערדיגע מוצ"ש און נישט געהאט פונקט וואס צו טון, האב איך אריינגעקלינגען מערכת און זיך אנגעשטויסן אין א סיפור התקרבות, נו איז מען האט דאך סיי ווי נישט וואס צו טון הערט מען עס שוין יא אויס. און אזוי האט זיך געמאכט אמאל עפעס שמועסן וואס איך האב געהערט און עס הייבט אן גרידשען אין מח. און אז מען האט שוין קשיות וויל מען דאך שוין הערן די תירוצים, האב איך זיך איינגעהערט נאך שמועסן און אזוי צוביסלעך געוואר געווארן אז ברסלב פארקויפט נישט סתם שיינע זאכן, ס'איז פשוט א וועג צו לעבן.

## צומישט...

ביי דעם שטאפל טאקע בין איך דורך גאר א לאנגע וועג פון צווייפלנישן ספיקות צומישטקייטן וכו' וכו' וואס די מערכת איז מיר פשוט געשטאנען ווי אן אונטעלאנער און באגלייט טריט נאך טריט. די חברי המערכת האבן אומוואוסענדיג ארויפגעלייגט די אלע שמועסן אנצופילן די ליין און מהנה זיין די צוהערער, אבער פאר מיר אבער איז עס געווען ממש **"כאוויר לנשימה"**. כסדר האט זיך געמאכט אז מען האט אומשולדיגערהייט פונקט ארויפגעלייגט עפעס א שיעור צי א שמועס וואס דאס איז געווען ממש דאס וואס איך האב געדארפט הערן יעצט פונקט. די בילבולים וואס האט מיר ממש צודרייט געמאכט איז מיט דעם שמועס צוגאנגען ווי וואקס.

איך האב זיך ארומגעדרייט זייענדיג קרח מכאן ומכאן. פון איין זייט האב איך שוין געוואוסט אז סאיז דא א תכלית אויפן וועלט און ס'איז אויך דא די וועג צו קענען לעבן דערמיט אויך אן זיין א דערהויבענע אינגערמאן און אן עובד השם; וואס די זאכן האבן שוין עקספייערט ביי מיר ביי די זיבצען. לעבן דעם סארט לעבן פון ביז אהער - יוצא צו זיין די סיסטעם און צושטעלן פארן אויבערשטן דאס וואס ער פארלאנגט פון מיר ווייל איך וויל נישט גיין אין גיהנם - האט נישט געהאט מער קיין טעם זייענדיג מרחוק אזא אמת און א חיות.

פון די אנדערע זייט אבער, דעם געדאנק פון טראגן אויף מיר דעם טיטל 'ברסלב'ער' איז מיר נישט אריין אין קאפ בשום אופן. ס'איז געווען די ווייטסטע זאך וואס איך האב מיר נאר געקענט פארשטעלן. א געסעטלטע כולל אינגערמאן מיט א סייט זשאב ווערט פלוצלינג א ברסלב'ער?! מיינע ארומיגע וועלן זיין זיכער אז איך האב פשוט געכאפט א נערווען בראך, קיינער האט נישט גע'חלומ'ט אז עס פעלט מיר עפעס, און צווישן זיי אויך **איך**. און דא גייט מיר אויף איינמאל אריין אזעלכע זשוקעס אין קאפ.

די זאך איז מיר נאך געווען שווערער פון אלע קשיות. ס'איז געווען טאקע זאכן וואס זענען מיר געווען מאדנע אין ברסלב, אבער איך האב גאנץ פיין געוואוסט ביי מיר אז אויפשטיין נאנט צו חצות היום און כאפן א שחרית וכו', הערן



די טעגליכע אויסנאם זיסע שמועסן. **ר' יעקב נתן אנשין שליט"א**



פשוט לעכטיגע געשמאקע שמועסן. **ר' מרדכי שלום ראזנפעלד שליט"א**

א האלבע טאג קרעטשמע מיט בחצרות און נאך אפאר שעה קול מבשר וכו', אפשמועסן א גאנצע סדר אין כולל און זיך פילן ווי א 'כולל אינגערמאן'... - אזוי ווי עס פלעגט זיין מיין סדר היום פארן אנהויבן הערן די הייליגע מערכת - דאס איז אסאך מער קעגן די מסורה, ווי רעדן צום אויבערשטן אויף מיין שפראך און זיך קאכן אין התקשרות לצדיק.

## שוין סיי ווי פארכאפט

אבער אויך די שוועריגקייט בין איך ב"ה איבערגעקומען. זייענדיג קאנעקטעט אזויפיל שעות צום ליין, וואס דארט האב איך זיך פשוט געטראפן מיט צענליגע ברסלב'ע אינגעלייט, סיי אויף די שיחת חברים קנעפל ווי מען שטארקט זיך אינאיינעם אזויפיל אידן פון אלע עקן וועלט, און אפילו אויף נומער איינס ברענגט מען ארויף אזויפיל מענטשן פון איבעראל ביי אלע פארשינעדע באריכטן, בעיקר טאקע **באריכטן פונעם ציון קודש הקדשים אין אומאן**. אזוי אויך **די התבודדת פראגראם**, נאר פון הערן די קעפל ווי מען רעכנט אויס א גאנצע ליסטע פון פשוט'ע אינגעלייט - וואס א חלק האב איך אפילו געקענט - וואס מאכן טעגליך התבודדת, א זאך וואס ווען איך האב געכאפט וואס עס איז, האט מיר אויסגעקוקט ווי נאר עובדי השם מופלגים וואס זענען באמת נאנט צום אויבערשטן קענען טון אזא זאך פון פשוט רעדן צום אויבערשטן כאילו ער איז דא אין פראנט פון מיר. אבער נאכן אויסהערן די פראגראמען האט זיך מיר געעפנט א נייע וועלט, א זיסע לעכטיגע געשמאקע וועלט. אבער ווי געזאגט כלפי דעם בלבול האט מיר די קעפל אליינס שוין געהאלפן זעענדיג אז בתוך עמי אנכי יושבת.

צוביסלעך האבן מיינע ארומיגע סיי ווי געזען אז עפעס האט פאסירט מיט מיר. מיין שפראך האט זיך גענצליך געטוישט. אנשטאט צו זיין די ראש המדברים ביים טעגליכן מקוה קאנפרענץ אין די טיפע שעות פון טאג, האב איך פלוצלינג אנגעהויבן רעדן פון תכלית... און אזוי איז די סוד סיי ווי ארויסגערונען. נאך פאר איך האב מיר דערקלערט אלץ ברסלב'ער האבן מיר שוין מענשטן געקומען משוגע מאכן מיט אלע סארט סלאגאנען **"מען קען זיין א ערליכע איד אויך אן ברסלב" "יעצט קענסטו שוין טון וואס דו ווילסט ווייל רבי נחמן וועט דיר ארויסשלעפן פון שאול תחתית"** און די אלע סארט לופטיגע לאזענגען וואס איך גלייב אז יעדער ווייסט פון וואס איך רעדט. פלוצלינג האט ממש גאר שטארק וויי געטון פאר מענטשן אז איך לאז אפ די גאנצע מסורה וואס אבותינו ורבותינו האבן אונז געלערנט.

אין יענע תקופה האב איך - פארשטייט זיך - געדארפט אסאך חיזוק אינעם ענין פון 'אחד היה אברהם'. וואס דאס איז מיר ווידעראמאל געווארן צוגעשטעלט דורכן מערכת, אויף אזא קלארע פארנעם. אזוי אויך די אלע פריוואטע שמועסן וואס איך האב געהאט מיט משפיעי אנ"ש, וואס איך בין אנגעקומען צו זיי דורכן הייליגע מערכת, וואס האט מיר באמת געשטארקט און געגעבן די כוחות אריינצוגיין בתוך הענינים, און זיך אנהייבן דרייען מיט אונזערע לייט. וואס דאן האב איך שוין באמת מער נישט געהאט קיין בילבולים אויף זיך צו רופן ברסלב'ער. און ב"ה היינט בין איך זוכה שוין צו זיין נקרא ע"ש הצדיק, און לעבן א חיים טובים בדרכי עצותיו הקדושים.

## קשיות אויף די תירוצים

לגבי די נושא פון קשיות אויף ברסלב - אזוי ווי איך האב שוין פריער דערמאנט לגבי מסורה - האב איך נישט אזוי געליטן דערפון. בפרט אטעמענדיג די הייליגע מערכת זענען שוין טייל קשיות פארענטפערט געווארן נאך פאר עס איז מיר שווער געווען. און פיל זאכן וואס באדערן פאר מענשטן, צ.ב.ש. אז אין ברסלב האלט מען אז די רבי לעבט, איז ביי מיר געווען א דבר פשוט פון די ערשטע מינוט. הערנדיג אזעלכע דיבורים טאג טעגליך, ווי קען מען זאגן אז דאס קומט נאר פון לערנען די ספרים?! ס'איז דא נאך הונדערטער צדיקים וואס האבן איבערגעלאזט ספרים, און מען זעט נישט אז מענטשן זאלן כפשוטו לעבן דערמיט און די נומערן פון די צאל מענטשן זאל שטייגן ממש טעגליך.

אזוי אויך די וועכנטליכע באריכטן פון אומאן, ווי כמעט יעדע וואך הערט מען פון נאך א קבוצה אנ"ש וואס זייער הארץ האט זיך פארבענקט צום קוואל, און האבן זיך אריבערגעכאפט צו די הייליגע ד' אמות טיף אינעם פארווארפענע

אוקריינע. אינעם שטעטעלע 'אומאן' - א ווארט וואס באריט די פינטל פון הארץ ביי יעדן ברסלב'ע חסיד. הערנדיג די באריכטן, איז מיר שוין אפילו נישט געקומען אויפן געדאנק, אז מען רעדט סתם פון א ציון פון א צדיק ווי מען קען פועל'ן ישועות. בפרט וואס די לעצטע צוויי יאר, אין די שווערע מלחמה אומשטענדן און די לאנגע אויסמאטערנדע וועגן, האט זיך בכלל נישט אפגעשטעלט די שטראם, כסדר הערט מען אויף נומער 3\3 איבער א פרישע קבוצה וואס איז זיך מתארגן וכו'. און דורך דעם טאקע האב איך שוין אויך זוכה געווען צו די זכיה שאין כדוגמתו 'להשטתח על קברו הקדוש', און באקומען די געוואלדיגע הבטחה; די הייליגע רבי אליינס זאל זיך פארען מיט מיין תיקון בזה ובבא.

## לופט צום אטעמען

נאך גאר א וויכטיגע פרט, וואס איך שפיר ווי איך מוז אויסשמועסן - בפרט שטייענדיג יעצט נאך חנוכה - איז די שמועסן 'הכנה ליו"ט'. וואס אין דעם איז די ליין איז ממש א יחיד במינו, סיי ארייננצוברענגן דעם עולם אינעם ווארעמקייט פון די יו"ט, נישט סתם אז מ'זאל קענען נאכזאגן א 'תורה' פאר די שווער, נאר לעובדא למעשה ממש, די עבודת הימים. און סיי די עמקות און די פנימיות פון די ימים טובים, אלעס אזוי קלאר און געשמאק, געאייגנט פאר יונג און אלט. ס'איז ממש אן אנדערע יו"ט, א יו"ט מיט מערכת ברסלב!

איך קען פארציילן און דערציילן בלי סוף, ווי פון יעדע שמועס ממש וואס איך האב געהערט אין מערכת האב איך באקומען הויפענעס חיות, און איך באקום נאך אלץ. די מערכת איז פאר מיר ממש ווי **לופט צום אטעמען**, בפרט טאקע די אויסערגעווענדליך רייכע וועכנטליכע סעריעס, וואס ווי געזאגט פאר יעדע איינס דערפון וואלט זיך שוין געלוינט די גאנצע מערכת! ממש פון יעדע איינס פון די שמועסן האב איך געהאט א תועלת גדול עד למאוד. איך ווייס נישט ווי אזוי אפאר איינצלנע אינגעלייט, האבן די כוחות אהערצושטעלן אזא שפע פון אמת'ע גוטס. און זיי באגענוגען זיך נישט מיט וואס עס איז שוין דא, נאר מען לייגט כסדר צו פרישע אפטיילונגען און סעריעס. ממש לעצנטס האט מען אנגעהויבן די פרישע שמועסן מיט **הרב ברייש**, אה! אזעלכע לעכטיגע קלארע אויסנאם געשמאקע שמועסן.

איך ענדיג נישט אויסרעכענען נאך און נאך שבחים אויפן הייליגן ליכטיגן מערכת, אבער באמת האב נאך נישט אנגעפאנגען. וואס קען מען געבן פאר א מענשט מער פון לעבן???!! איך קוק מיר ארום אויף מיינע [געוועזענע] חברים, מיין הארץ גייט ממש אויס פון רחמנות, מען איז פארנומען מיט אזעלכע שטותים, השם ישמרנו.

אשרינו, וואס מיר האבן יא זוכה געווען צו וויסן פון די ליכטיגקייט פון די גאולה, און אשריכם די עוסקים במלאכת הקודש צו צושטעלן פארן ציבור אזא הייליגע מערכת. אין כמוכם...

**נישטא קיין ווערטער...**








די קלארקייט שמועס שאין כמוהו בכל העולם. **ר' אברהם שמחה האלד שליט"א**

בס"ד

עַל כָּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה תְּהַ

# פול מיט רגע

# הכרת הטו

## די טעלפאן ליין
## געטוישט

מערכת ברסלב

קול נשימה

מערכת ברסלב לופט צו אטעמען

הלֵל קה

# שי
# נ

## ואס האט
## מיין לעבן




פאלגט נאך...

# בוהמדמד
# רמקו א



**געקליבענע אויסצוגען**

פון די צענדליגע מעסעדשעס וואס פליסן כסדר אריין אינעם מעסעדש באקס פונעם מערכת

## מען דארף שטורעמען די וועלט מיטן נאמבער...

א גוטן דא רעדט א אינגערמאן פון מאנסי. איך האב געוואלט שוין אריינזאגן די מעסידש פון לאנג, נאר איך שטיפ עס שוין אפ א שטיק צייט...

עכ"פ למעשה, איך בין א אינגערמאן וואס איך בין ב"ה א מבקש, און איך זיך שוין זייער לאנג ערענסטקייט און העכערקייט. די לעצטע יאר צייט האב איך געהאט א שטיקל התעוררת און איך האב זייער זייער געוואלט נאנט ווערן צו ברסלב. איך האב אסאך געזוכט אין די ספרים אהער און אהין, און גארנישט האט מיר נישט געכאפט. איך האב געהערט פארשידענע משפיעים און טעלעפאון ליינ'ס... אבער צו גארנישט בין איך נישט מחובר געווארן. ביז איך בין אנגעקומען צו די טעלעפאן ליין שוין די לעצטע צוויי חדשים, און דא קען איך ממש זאגן מצאתי את שאהבה נפשי. ממש א טעלעפאון ליין וואס לעבט, מיט אזוי סאך תוכן, חיזוק און קלארקייט. מ'הערט און מען זעט אז עס איז דא דערהויבענע ערליכע אידן, איידעלע אידן, וואס לעבן מיטן רבי'ן.

**דערווייל איז עס נאך עכט רוי ביי מיר, אבער אויב ס'וועט איין טאג געשעהן אז איך וועל נתקרב ווערן, איז עס הונדרט פראצענט נאר צו פארדאנקן 'מערכת ברסלב'.**

מען דארף זען צו פארשפרייטן די ליין מער און מער, מען דארף שטורעמען די וועלט מיט די נאמבער, ס'איז ממש קריטיש וויכטיג. איך בין גרייט צו געבן $180 צו פארשפרייטן די נומער, מען קען מיר צוריקרופן...

הצלחה רבה, און יותר ממה שאמרתי ליגט אויף מיין הארץ, וואס איך קען מאריך זיין לאנגע זאכן איבער די גרויסקייט פון די ליין, דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט ווייטער קענען העלפן און ראטעווען אידישע קינדער.

*פרטים געהאלטן אין מערכת*

# ראו מה בין בני לבן...

קודם האב איך מיר פרובירט צו ווייקן ביי א צווייטע פלאץ, פלעג איך אויסהערן די ליין פון יענעם פלאץ. דארט פלעג איך הערן איבער די מעמדים יעדען צווייטן טאג, מיט נאך א חלוקת פרסים, נאך א חתונה מיט נאך פארענטשעס, און נאך א לחיים פאר נגידים ותומכים...

ווען איך בין געוואויר געווארן פון 'מערכת מערכת', האב איך געזעהן אז ס'איז דא אזא זאך אז מען רעדט נאר פון עבודת השם, אמונה, תפילה, תורה... **אידישקייט לעבט.**

ארי' לייב גאלדשטיין, קרית יואל

# ׳ל בו׳ לברסלב..

איך ווייס אליין פון מענטשן וואס וואלטן אין א ברסלב'ע שול קיינמאל נישט אריין געטרעטן, און דא האבן זיי א מקום ווי זיי באקומען ברסלב פון אנהייב ביז צום סוף, אויף אזא מין אופן, אויף אזא ריינע ערליכע אופן. און ביז א קורצע צייט קען ער זיך באקענען מיט די זאכן, ער האט וואו צו פרעגן, וואו צו הערן, עס איז מורא'דיג, מורא'דיג. און בכלל ס'איז נישט צו גלייבן ווי שטארק די ליין איז אריין אין די וועלט... סיי בני עליה, **איך ווייס פון א גרויסע דיין אין איינער פון די באקאנטע קהילת ביי אונז אין שטאט וואס הערט אסאך די ליין,** און סיי פשוטע אידן...

פונקט בין איך נעכטן געווען אין מאנסי ביי א חתונה, האב איך געטראפן דארט רבי צבי ארי לייפער שליט"א דער נאדבורנא רב פון מאנסי, זאגט ער מיר: "די האטליין איז אזא מורא'דיגע זאך וואס די אויבערשטער האט געמאכט היינט. אמאל ווען איך בין געווען א אינגערמאן און איך האב געדארפט א טעיפ, פלעג איך ארויף קריכן ביז ר' לייבל גאלדרינג, באקומען איין טעיפ פון ר' משה קרעמער אין סיפורי מעשיות, און נאכן אויסהערן האב איך עס צירוק געגעבן אויפצוטוישן אויף א נייע טעיפ. היינט קען מען הערן אלעס אויפן ליין, מיט אזא רחבות, אזויפיל שיעורים, ממש מורא'דיג".

שמעון הלל פרנס, וויליאמסבורג

# אידן וואס זענען מכלומר'שטע ברסלב'ע דורי דורות, זענען געווארן אמת'ע ברסלב'ע חסידים...

איך קום פון א משפחה פון ברסלב'ע חסידים, מיין טאטע איז א ברסלב'ער.

אבער ברסלב איז ביי מיר געווען מלומדה'דיג, מען פארט יעדע יאר אין אומאן, מען לערנט אביסל ליקוטי מוהר"ן. אבער זייט איך האב אנגעהויבן הערן דעם קו, **און מען הערט ווי דער עולם ווערט נתעורר, די גאנצע וועלט לערנט דעם רבי'נס ספרים און מען ווערט מקורב.** האט עס מיר געגעבן א שטארקע שטופ, און בזכות אייך האב איך אנגעהויבן מער ליגן אין רבי'נס ספרים, מער טון אין עבודת השם. די אלע זאכן וואס מען הערט, די שיעורים פון ארה"ק פון אמעריקא, איר האט א גרויסע זכות. בזכות אייך זענען אסאך אידן וואס זענען מכלומר'שטע ברסלב'ע דורי דורות, זענען געווארן אמת'ע ברסלב'ע חסידים.

א איד פון ירושלים עיה"ק

## דער באשעפער האט א נחת רוח פון אזעלכע שמועס'ן..

איך האב געוואלט זייער דאנקן דעם אויבערשטן, וואס ר' אברהם שמחה איז די גוטע שליח אריינצוברענגען אזא לעכטיגקייט. איך האב געהערט זיין קלארקייט שמועס, אויף די נושא "איך האב נישט קיין נערוועו", איך האב כמעט אראפגעלאזט א טרער. און דער עיקר איז דער דאווענען נאכדעם, אזא לעבעדיגע דאווענען, איך האב שוין לאנג נישט געהאט אזא דאווענען. איך קען מיר פארשטעלן די באשעפער האט געהאט א נחת רוח פון אזעלכע שמועס'ן, **דיינע דיבורים זענען א אור.**

*הרה"ג ר' יעקב מנחם האבינאוויטש שליט"א בן כ"ק אדמו"ר ממשכנות הרועים שליט"א*

## די ליין מאכט א 'עקספרעס התקרבות'...

איך האב גערעדט צו א איד וואס איז מקורב געווארן פאר צוואנציג יאר צוריק, זאגט ער מיר אז אים האט גענומען 'צען יאר' ביז ער איז געווארן קלאר וואס ברסלב איז. היינט מענטשן ווערן מקורב, און אונטער א יאר ווייסט מען שוין אלעס, און מען איז שוין אין אומאן. די ליין מאכט אזא מין 'עקספרעס התקרבות'. **מיט אזא מין רייכקייט...**

*אברהם יודא שפילמאן, וויליאמסבורג*

## די איינציגסטע קשר צו ברסלב...

איך הער שוין אויס די ליין מער ווי פינעף יאר, עס איז ממש א מציל מזוטו של ים. איך האב נישט קיין שום וועג ווי צו האבן שייכות מיט אנ"ש, משום כמה וכמה מניעות. און **די ליין איז איינציגע קשר וואס איך האב מיט די גאנצע ברסלב'ע פייער.**

*פרטים געהאלטן אין מערכת*

## מיין לעבן האט זיך אינגאנצן געטוישט...

איך וויל מיר זייער באדאנקען אויף די שמועס פון ר' אברהם שמחה, וועגן די נושא פון 'הפקרות', עס איז פאר מיר פרעזענדליך געווען א מורא'דיגע ישועה. איך קען זאגן אז זייט איך האב עס געהערט - פאר צוויי וואכן צוריק בערך - **האט מיין לעבן זיך אינגאנצן געטוישט** למוטב, ב"ה. איך שפיר א גאנצן טאג ווי דער אינגערמאן וואס איז געשטאנען אין פארנט פון ר' יעקב מאיר, און ער זאגט מיר "וואס ביסטו אזוי אנגעצויגן? זיי א מופקר". א גרויסן יישר כח!

*א.פ. מאנסי*

## א האטליין! פון... עבודת השם

**די מערכת האט מיר זייער אסאך געהאלפן מקורב ווערן צום רבי'ן.** און בכלל אין די צייט וואס אנדערע ליפטערן זיך אויס מיט'ן הערן האטליינס מיט נארישע נייעס, קען מען הערן מערכת ברסלב, מיט געשמאקע דיבורים אין אידישקייט, עצות און עבודת השם... א גאנצן טאג, אראפ געלייגט אזוי געשמאק און ציענד.

*שמעון האלדער, בלומינגבערג*

## איך דריי זיך ארום ממש ווי א צודרייטער...

איך האב זייער אסאך בלבולים, און זייער אסאך רצונות. איך בין שוין געווען ביי אסאך טערעפיסטן, און איך דריי זיך ארום ממש ווי א צודרייטער. יעדן טאג זיך איך אן אנדערע מהלך, וואס גייט מיר מאכן רואיג. לעצטנס האב איך אנגעהויבן צו הערן די ליין, איך פיל זייער שטארק אז אין ברסלב איז דא אן אור, איך האב זייער אסאך קשיות אין דעם, און איך מוז קלאר ווערן.

איך האב יעצט געהערט די נייע שמועס פון... און איך שפיר ממש ווי איך טרעף מיר אין יעדן איינציגןווארט, פון זיינע ווערטער. אויב קען די מערכת זיך פארבינדן מיט מיר געבן זיין נומער, איך זאל קענען שמועסן מיט אים. מיין נאמבער איז...

*א צוהערער פון מאנטריאל*

## אנגעקומען דעם ערשטן מאל קיין אומאן...

א גוט יאר ... בפרט וויל איך מיר באדאנקען וואס בזכות די מערכת דעם האב איך זוכה געווען אנצוקומען דעם ערשטן מאל קיין אומאן, מיט צוויי קינדער, איינער נאך אונטער די זיבן יאר. שכרכם הרבה מאוד!

*א איד פון לעיקוואוד*

# וואָן נישט מערכת ברסלב וויאזוי וואלט איך אויסגעקוקט?!

א גוטן, איך בין א 14 יעריגע בחור. איך בין געווען דיפרעסט בעצבות און מרה שחורה פאר א יאר צייט... איך האב געהאט שלעכטע חברים... אין בין געליגן אין בעהט רוב טאג, נישט געגאנגן אין קיין ישיבה, ביז א אינגערמאן האט מיר געגעבן די נאמבער פון 'מערכת ברסלב', און ווען די אור איז אנגעקומען האב איך ממש אנגעהויבן פילן אההה עס ציעט מיר מיין הארץ...

איך שפיר איך בין אנגעקומען צו די ריכטיגע פלאץ, די בעסטע פלאץ, איך לערן די ספרים פון הייליגן רבי'ן, אין בין עוסק א גאנצן טאג אין דעם, איך וויל באמת ווערן נאנט מיטן אויבערשטן און איך שפיר באמת אז דאס ברענגט מיר... איך שפיר באמת א גליקלכקייט אין מיין לעבן, אה! איך לערן און איך דאווען, אלעס אין זכות פון די האטליין...

מען קען דא הערן אזויפיל זאכן, די משפיעים אויפן מערכת, זיי האבן מיר געגעבן אזויפיל חיזוק און הדרכה פונקטליך א יעדע זאך, בפרט דער פראנק (ר' בנימין), ער איז גוט.

רבי נחמן, רבי נחמן, אההה! איך פיל אזא קדושה איך פיל א חיות אין יעדע זאך, דעם הייליגן רבי'נס דרך... איך האב פונקט געזאגט פאר א בחור, ווען די רבי וואלט נישט געווען ווי אזוי וואלט איך אויסגעקוקט?? ווי א גוי??! אפשר וואלט איך מיר גענומען די לעבן... חס ושלום, די רבי האט מיר אויפגעלעבט! און אלעס איז ענקער קרעדיט, ענק האבן אויפגעלעבט א איד, ענק האבן א גרויסע מצווה...

אלימלך פריילעך, בארא פארק

# מען דארף מאכן "סיפורי התרחקות"...

במשך פון די לעצטע תקופה פון צוויי יאר וואס עס דרייט זיך מיר ארויף און אראפ יא ברסלב, אדער נישט, אזוי ווי אלע וואס עס גייט אריבער, למעשה איז געווען א תקופה וואס איך בין געווען מקורב און איך האב געשפירט אז איך ווייס שוין אלעס, איך קען שוין די ספרים, איך ווייס שוין וואס דעם רבי'נס זאך איז.

למעשה איז אריבער אויף מיר שטארקע בילבולים און מניעות אז איך האב אפגעמאכט נאך א תקופה אז עס איז נישט פאר מיר איך קען נישט גיין מיט די וועג, עס איז צו א שווערע וועג, איך האב נישט געקענט דערהייבן אלע מניעות בפרט מניעות המח, געדענק איך אז איך האב דעמאלטס געזאגט פאר איינעם אז לדעתי דארף מען מאכן א אפטיילונג אויף די מערכת וואס זאל הייסן "סיפורי התרחקות" און מען וועט פארציילן דארט מעשיות פון אידן אזוי ווי מיר וואס זענען מקורב געווארן און דערנאך מרוחק געווארן, **מען קען זיך עפעס פארהוילן** **פונעם אמת?** און פארציילן אז מענטשן ווערן נאר מקורב?! איך בין מרוחק געווארן! אזוי איז ביי מיר געווען ברור.

אזוי איז געווען א תקופה משך פון אפאר חדשים, און בשעת די תקופה האב איך נישט אריינגעטרעטן אין א ברסלב'ע שוהל, איך האב נישט געלערנט די ספרים, איין זאך אבער **וואס איך האב יא געטון איז אז 'מערכת ברסלב' האב איך געהערט אלס נייגער אויס**, און קוק ב"ה אשרינו מה טוב חלקינו עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז איך בין קיינמאל מקורב נישט געווען, און א דאנק די געוואלדיגע מערכת האב איך זוכה געווען 'צירוק צו קומען'...

מען קען מיר צוריק רופן איך וויל געבן עפעס א השתתפות...

יודל א. ווילאמסבורג



# דעם רבי'נס זאך שלאפט נישט



**געהויבענע באזוך**
דורך חברי המערכת אין שטוב
פון הגה"ח **רבי יעקב מאיר**
**שעכטער** שליט"א
לקראת דעם יערליכן קאמפיין



טראץ זיין שוואכקייט האט ער זיך אנגעשטרענגט צו הערן אלע פרטים. **ר' שמעון צבי שליט"א דערציילט פאר רי"מ שליט"א אויף די פעולת הקודש**

# בכל הארץ יצא קוום

מערכת ברסלב איז שוין היינט צו טאגס ברייט באקאנט איבער די וועלט אלץ די שופר פון הייליגן רבי'ן. די טעלעפאון ליין וואס פארשפרייט דעם דעת פונעם רבי'ן אויף א ריינעם לויטער'ן קלארן פארנעם. יעדע דורש ומבקש השם פון איבער די וועלט - נישט קיין חילוק צו וועלכע קרייז ער געהערט, און פון וועלכע פלאץ ער קומט - קען אריינרופן זיך דערקוויקען און שטילן זיין דארשט מיט די ריינע לויטערע וואסער פונעם שפרודנדל קוואל, די נחל נובע מקור חכמה.

טויזענטער אידן פון אלע עקן וועלט רופן אריין די ליין, צווישן זיי אזעלכע וואס פאררופן זיך אויפן הייליגן רבי'נס נאמען. אזוי אויך, פיל וואס זענען נאכנישט זוכה דערצו, אבער זענען נהנה פון די לעכטיגע עצות און קלארקייט אין לעבן פונעם הייליגן רבי'ן.

פארשטייט זיך אליין אז די דאזיגע מציאות אז די ליין איז אזא פארשפרייטע זאך היינט, און אלע סארט מענטשן רופן אריין, איז א זאך וואס פארלאנגט פון די חברי המערכת - וואס ארבעטן אן אויפהער אהערצושטעלן דעם טעלעפאון ליין אויפן רייכסטן און קלארסטן פארנעם - צו דארפן גיין 'נגד רוחו של כל אחד ואחד'. זייענדיג א פלאטפארמע וואס פאראייניגט אזויפיל טויזענטער אידן פון איבערן ערד-קוגל וכשם שאין שפרצופיהן שוות כך אין דעותיהם שוות.

ווען יעדער מיט זיין אייגנארטיגע בעגראונד השקפה און הקדמות וויל אז מען זאל רעדן לויט זיין געדאנקען גאנג און זוכט דאס וואס אים ציהט.

# קל דעות ה'

דא ווייזט זיך ארויס די אויסערגעווענדליכע איבערגעגעבנקייט פון די חברי המערכת. פאר זייערע אויגן שטייט איין זאך, 'העלפן און לעכטיג מאכן פאר אידישע קינדער. עס זאל זיין גוט פאר אידן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט'. זיי זענען משקיע פיל כוחות, מיה און פלאג צו גיין צווישן די טראפן. ביי יעדע נושא, שיעור וואס מען רעדט ארום פראבירן זיי עס זאל שטימען מיט אלע סארטן דיעות שונות און נישט אריינגיין אין קיין ווינקלען, כדי צו

צופרידן שטעלן די מאסן צוהערער פון איבער די וועלט וואס קומען פון אלע סארט פלעצער און חסידות, זיי זאלן קענען געניסן פון די לעכטיגקייט פון די גאולה.

פארשטייט זיך אז דאס אלץ באוויזט מען בלויז מיט 'גרויס סייעתא דשמיא', אזוויי איינער פון די חשובי אנ"ש האט זיך אויסגעדרוקט אז **'מערכת ברסלב האט עפעס א זעלטענע סייעתא דשמיא וואס באגלייט זיי אויף טריט און שריט'.**

דאס קומט אוודאי א דאנק די נאכאנאנדיגע תפילות וואס די חברי המערכת זענען כסדר מתפלל, און זענען שופך שיחם לפני אדון כל שלא יצא מכשול מתחת ידם צו טוהן די רצון השם בשלימות ורצון צדיקי הנאמנים, צו איבערגעבן דעם דעת פונעם הייליגן רבי'ן מיט א ריינקייט און לויטערקייט בתמימות ופשיטות, מיטן בלויזן ציל להאיר ולהושיע די אויסנאמליכע לעכטיגקייט איבערן גארער וועלט. בפרט ווי שוין אויסגעשמועסט די עקסטערע זהירות וואס מען דארף ביי אזא ליין וואס ווערט געהערט אין אלע עקן וועלט - דורך אידן פון אלע שיכטן און קרייזן, יונג און אלט וואס לייגן צו אן אויער צום ליין - מען זאל טאקע קענען רעדן צו יעדעם איינעם, מדינה ומדינה ככתבה ואל עם ועם כלשונו ולדבר כלשון עמו, יעדער זאל שפירן ממש ווי מען רעדט זיין שפראך.

פארשפרייט אויף אזא גרויסע פארנעם, איז אויך אויסגעקומען פיל מאל זיך אדורכצורעדן מיט הגה"ח **רבי יעקב מאיר שעכטער** שליט"א - וואס ער אליין האט אריינגעלייגט אלע יארן אומגעהויערע כוחות צו פארשפרייטן די ליכטיגקייט פונעם הייליגן רבי'ן - ווי ער האט איבערגעגבן זיינע אויסנאם קלארע הדרכות און חכמת חיים וואס ער האט אנגעשעפט פונעם נחל נובע מקור חכמה.

טראץ דעם הויכן עלטער און שוואכן געזונט צושטאנד, איז רבי יעקב מאיר שליט"א ארויס מגדרו אין די לעצטע תקופה, ווען ער שרייבט כמעט נישט קיין מכתבים צוליב שוואכקייט, איז ער אבער אצינד צו וויזן זיין ווארעמקייט און די נחיצות פונעם דעם טעלפאון ליניע, האט ער אין א זעלטענע שריט זיך אנגעשטרענגט בשארית כוחותיו און געשריבן א בריוו בכתב ידו, וואו ער רופט אן די מערכת **"מפיץ דעת רבינו הקדוש מדרך המסורה"**, און ער פירט אויס **"וכל העוזרים והמסייעים שכרם הרבה מאד"**.

# אין באגלייטונג פון זקני וחשובי אנ"ש

איבער דעם אלעם שטייט כסדר פאר די אויגן פון די געטרייע חברי המערכת דאס וואס חז"ל זאגן "הנוטל עצה מן הזקנים". אויף טריט און שריט ווערט די הייליגע מערכת באגלייט מיט די קלארע הדרכה פון די עלטערע חסידים חשובי אנ"ש, וואס האבן מקבל געווען די קאך און דעם פייער פונעם הייליגן רבי'ן מדור הקודם.

די חברי המערכת זענען כסדר נהגה בעצה ותושיה, זיך דורכרעדנדיג מיט זיי הערענדיג זייער קלארע דעת זקנים לדעת את המעשה אשר יעשון.

אין די לעצטערע תקופה וואס די ליין האט זיך

# די געהויבענע באזוך

אין די יעצטיגע טעג, זיך גרייטענדיג צום יערליכן גרויסארטיגן אלטוועלטליכן קאמפיין צו דעקן די כסדר'דיגע וואקסנדע הוצאות פונעם הייליגן מערכת, האבן די חברי המערכת - ר' **אשר מרדכי פריעדמאן** הי"ו, ר' **יהוסף שווארץ** הי"ו און ר' **שלמה יעקב וואלדמאן** הי"ו - געהאט די זכיה ארויפצוגיין צום שטוב פון הגה"ח רבי יעקב מאיר שליט"א וואו דארט האבן זיך אויך באטייליגט די חשוב'ע משפיעים וועלכעבאגלייטן פון די נאנט די פעולות הקודש פונעם ליין, הרה"ח **רבי שמעון צבי שפירא שליט"א** און הרה"ח **רבי יעקב נתן אנשין שליט"א**.

עס איז נישט פאראן די פענע וואס זאל באשרייבן און די ווערטער וואס זאלן שילדערן די געהויבענע געפיל וואס האט ארומגענומען אלע אנוועזנדע וואס האבן זיך דארט באטייליגט אינעם פריוואטען צימער פונעם זקן אנ"ש.

ביים באזוך האט מען זיך אראפגעזעצט מיט רבי יעקב מאיר שליט"א, אויסגעשמועסט און ארומגערעדט איבער אלע פארצווייגטע פעולות פונעם הייליגן מערכת, די געוואלדיגע אויסטערלישע

## ר' יעקב מאיר: היינט ווער עס האט נאר א הארץ ווערט מקורב! דעם רבי'נס זאך שלאפט נישט! מענטשן ווייסן פון רבי'ן, מען פארט צום רבי'ן, עס טוט זיך...

**כשם שאין שפרצופיהן שוות כך אין דעותיהם שוות, יעדער מיט זיין בעגראונד און השקפה, וויל אז מען זאל רעדן לויט זיין גאנג...**

אויפטוען דורכאויס די לעצטערע יארן וואו מען האט מצליח געווען צו פארשפרייטן דעם אור פון הייליגן רבי'ן אויף אזא אומגלויבליכן פארנעם.

רבי יעקב מאיר שליט"א האט ארויסגעוויזן א גאר שטארקע און קענטיגע הנאה, ביים הערן איבער די אלע פעולות הקודש און זיך פרעזענדליך נאכגעפרעגט איבער דעם.

בהמשך פונעם שמועס האט מען ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פון פארשפרייטן דעם הייליגן רבי'נס אור אויפן וועלט און גאר שטארקע דיבורים און הדרכות אויף די נושא פון הפצה.

רבי יעקב מאיר שליט"א האט - אין בחינה פון זכרתי ימים מקדם - דערציילט זכרונות פון זיינע פריערדיגע יארן ווען ער האט זיך פרעזענדליך אפגעגעבן מיט די הייליגע עבודה פון פארשפרייטן דעם רבי'נס אור.

ער האט אויפגעדעקט זיינע פעולות הקודש אינעם ארבעט פון אנטרונקען ביימער, ווי ער פלעגט מאכן חבורות, שיעורים אא"וו צו פארשפרייטן דעם אור האמת.

רבי יעקב מאיר שליט"א האט טראץ זיין שוואכקייט זיך אנגעשטרענגט צו הערן אלע פרטים. מען האט געזען אויף זיין געזיכט די געוואלדיגע קורת רוח וואס ער האט פון הערן איבער אזא מורא'דיג זאך.

ר' יעקב מאיר דערמאנט זיך אין יענע יארן פון די שווערע התנגדות, ווי ער איז געשטאנען איינער אליין אנטקעגן די גאנצע וועלט, פרובירט מיט אלע כוחות, צו מפיץ זיין דעם רבי'נס אור, ווי אין אן אנדערע געלעגנהייט האט ער דערציילט אז נאך זיין חתונה, איז איינער געקומען צו אים און אים געזאגט. "יעקב מאיר, היינט ווען מ'זאגט א ברסלב'ער אינגערמאן, מיינט מען נאר דיר, ס'איז נישטא נאך ברסלב'ער אינגעלייט". ס'איז געווען דעמאלט א שווערע תקופה פארן רב'נס זאך, ס'איז נישט געווען קיין מקורבים, ס'איז נישט געווען קיין עסקנים וואס זאלן טון.

דערציילט ער ווי ער האט זיך אריינגעלייט, און פרובירט צו צוזאמנעמען דעם עולם, און קוים מיט שוועריקייטן האט ער מצליח געווען צוזאמענצונעמען 3 בחורים, געמאכט מיט זיי א של"ס ווי מ'איז געזיצן אין גערעדט פון רבי'ן,

# תוכן השמועס

**מיר ווילן ברענגען דא בלויז קורצע אויסצוגן חלקים פון די געהויבענע שמועס:**

**ר' יעקב נתן אנשין:** דער רבי האט געזאגט אז א טאוול פון א ספר איז א מניעה אויפן ספר, ביז היינט איז געווען א מניעה, מענטשן האבן מורא געהאט צו עפענען ברסלב'ער ספרים מען האט מורא געהאט מענטשן וועלן זען, היינט זיצט ער אין שטוב און הערט זיך איין אין טעלעפאן דיבורים פון רבי'ן און ער דארף נישט דערציילן פאר קיינעם, ער האט נישט קיין מניעה.

**ר' יעקב מאיר אינטערעסירט זיך אויף די פרטים:** מען לערנט ליקוטי מוהר"ן אויך?

**ר' יעקב נתן:** עס איז דא שיעורים סיי אין די ספרים אין ליקוטי מוהר"ן, ליקוטי הלכות, סיפורי מעשיות, און אויך ברענגט מען אראפ שיעורים פון דיבורים אין עבודת ה', עס איז אויך דא א קנעפל פון שיחת חברים וואו מען רעדט איינער מיטן צווייטן, איינער דערציילט פארן צווייטן זיינע שוועריגקייטן, און מען שטארקט איינער דער צווייטן.

**א שמחה וצהלת פנים האט זיך דערקענט אויפן געזיכט פון ר' יעקב מאיר שליט"א, וועלכער האט רעאגירט:** ברוך השם, ברוך השם!

**ר' יעקב נתן:** אין חיי מוהר"ן איז דא זייער א שארפער שיחה פון רבי'ן, אז מען זאל נישט זיין קיין עצים יבשים, מען זאל אנטרינקען ביימער. און דער רבי זאגט אז ער וויל מען זאל מאכן נסיעות פארן פון שטאט צו שטאט, אסאך מאל פרעגן מענטשן אז זיי ווילן עוסק זיין אין רעדן דיבורים פון הייליגן רבי'ן, און זיי שפירן אז זיי געבן אוועק אן א שיעור שעות פאר דעם, צו פארן און קומען, און פון די צווייטע זייט זעט מען א מורא'דיגע תועלת, עס איז דא א דארשט, מען וויל הערן דיבורים פון רבי'ן, ווי אזוי קען א מענטש וויסן וויפל ער זאל עוסק זיין אין דעם?

**ר' יעקב מאיר:** עס איז זייער שווער צו זאגן פונקטליך. אבער עכ"פ מען דארף טון, און מען טוט אויף.

**ר' שמעון צבי:** איר האט דאך יארן עוסק געווען אין דעם. עס ליגט נאך ביי מיר אין די ביינער פון די בחור'ישע יארן.

**א' הנוכחים:** עס איז געווען אזעלכע וועלכע וואס זענען געווארן ברסלב'ער דורך אייערע שיעורים?

**ר' יעקב מאיר:** איך האב געזאגט שיעורים אין שול, עס זענען געקומען פרעמדע מענטשן, אודאי איז געווארן, אודאי איז געווארן.

איך האב אפשר צען יאר נאכאנאנד געזאגט שיעורים יעדע שבת. און עס פלעגן קומען אפילו מתנגדים - - -

---



רי"מ דערמאנט זיך אין יענע יארן, ווי ער איז געשטאנען איינער אליין אנטקעגן די גאנצע וועלט, און מפיץ געווען דעם רבי'נס אור. **ביים שמועס**

ביז שפעטער האט ער מצליח געווען שוין צו שלעפן 20 בחורים אא"וו.

**ר' יעקב מאיר פארטראכט זיך, און דערמאנט זיך איבער יענע שווערע יארן, און רופט זיך אן:**

למעשה היינט איז שוין נישטא, די גרויסע התנגדות איז שוין נישטא, די שארפע התנגדות.

**ר' יעקב נתן:** די גמרא זאגט אז די היינטיגע עובדי ע"ז האבן נישט אזוי א דין פון עובדי ע"ז וויל מעשי אבותיהם בידיהם, זיי אליין וייסן נישט פונקט. שרייבט ר' גדליה (קעניג) אין א בריוו אז להבדיל די מתנגדים היינט, איז נאר מעשי אבותיהם בידיהם, זיי האבן א מסורה אז מען דארף קריגן אויף ברסלב, עס איז נישט באמת, זיי וייסן נישט פונקט.

**ר' יעקב מאיר:** דאס איז שוין אויך נישטא היינט.

**ר' יעקב נתן:** עס איז דא אזעלכע וואס זאגן אז די ברסלב'ע רעדן אזויווי מיסיאנערן, וואס זוכט מען א גאנצע צייט צו רעדן אין אריינברענגען דעם רבי'נ'ס דיבורים, אבער באמת איז עס א בחינה פון כי מרחמם, א מען האט רחמנות.

**ר' יעקב מאיר:** יא יא, אוודאי.

**א' הנוחכים:** איר האט דערציילט אז רבי יונה לעבל האט געזעהן רבי שלום נח, דער נתיבות שלום פון סלונים גיין אין גאס מיט תלמידים, האט ער געזאגט -

**ר' יעקב מאיר:** "ווען ער וויסט ווען פון רבי'ן, וואלט געווען ליכטיגער די גאנצע וועלט"!

**ר' יעקב נתן:** איז למעשה, בפשטות ווען מען קומט אין א פלאץ דארף מען מורא האבן צו זאגן א דיבור פון רבי'ן?

**ר' יעקב מאיר:** ניין, ניין!

נאר מען דארף נישט רעדן די דיבורים וואס איז קעגן מפורסמים און אזעלכע זאכן, אבער זאגן א דיבור, פארוואס נישט??

מען דארף וויסן וויאזוי עס איבער צו זאגן.

**ר' יעקב נתן:** עס איז דא אזעלכע וואס בתחילת התקרבותם האבן זיי א שאלה, זיי זען ביים רבי'ן גוטע דיבורים, אויף התבודדות אא"וו אבער פארוואס דארף איך פארדעם זיין א ברסלבער? פארוואס דארף איך פארדעם האבן התקשרות צום רבי'ן?

**ר' יעקב מאיר:** אויב וועט ער מקיים זיין די עצות וועט ער אליין האבן א תירוץ אויף דעם.

**ר' יעקב נתן:** וואס איז אבער טאקע די אמת, עס איז גענוג די עצות?

**ר' יעקב מאיר:** דער אמת איז אז מען דארף זיין מקושר צום רבי'ן.

אבער עכ"פ ווען מען איז מקיים די עצות, איז דאס אויך א גוטע זאך, די רבי' אליין זאגט אז מען זאל נאכזאגן זיינע דיבורים, און אפילו נישט זאגן בשמו.

**ר' יעקב נתן:** און מען זעט בפועל אז אויב מען איז מקושר צום רבי'ן באקומט מען די כח צו מקיים זיין די עצות, דער צדיק גיבט די כח.



ביים שמועס, ווערט געזעהן: ר' שמעון צבי שפירא שליט"א, ר' יעקב נתן אנשין שליט"א, יו"ר המערכת ר' אשר מרדכי פריעדמאן, ר' שלמה יעקב וואלדמאן חבר מערכת

**ר' יעקב מאיר:** יא, יא.

**ר' שמעון צבי:** איר האט דאך יארן גערעדט, יארן יארן וואס איך געדענק וואס איר האט געגעבן שיעורים, איר האט געזען תוצאות דערפון?

**ר' יעקב מאיר:** יא, יא, מען האט אסאך געזען תוצאות.

ראשית כל איז אראפ אסאך התנגדות. מתנגדים פלעגן קומען זיצן, איך האב דווקא גערעדט דעמאלט ווי עס דארף צו זיין, מען איז געקומען מבקר זיין וויאזוי איך רעדט, פון דעם חסידות פון דעם חסידות, און עס האט אויפגעטון גאר אסאך.

**ר' שמעון צבי:** עס איז דא א באוואוסטע ווארט וואס דאכט זיך רבי נפתלי האט געזאגט אז "ווען דעם רבי'נס ספר וועט ווערן פארשפרייט אויף די וועלט, זאל מען זיך רעכטן אויף די גאולה", איז היינט וואס מען אזויפיל מקורבים וואס איז דא פון אלע זייטן איז עס דאך א מורא'דיגע זאך, ס'איז א זאך וואס מ'האט עס נישט געזען אין די פריערדיגע יארן.

**ר' יעקב מאיר:** היינט ווער עס האט נאר א הארץ ווערט מקורב!

דעם רבי'נס ציון אליין מאכט מקורבים...

איך הער אז ס'איז קיינמאל נישט ליידיג דעם רבי'נס ציון, מען האלט אין איין קומען!

דעם רבי'נס זאך שלאפט נישט! מענטשן ווייסן פון רבי'ן, מען פארט צום רבי'ן, מען טוט תשובה ביים רבי'נס ציון! עס טוט זיך!

**א' הנוכחים:** רבי משה ארי' פריינד זצ"ל ירושלימ'ער רב איז געווען ביי א נסיעה אויף מקומות הקדושים, איז ער געפארן קיין אומאן צום רבי'נס ציון, און ער האט אפילו געמאכט א יארצייט סעודה פון סאטמאר רב דארט.

**ר' יעקב מאיר:** יא, ער האט מיר געהייסן אפילו רעדן מיט זיין מענדעלע!

ער איז טאקע א שטיקל ברסלב'ער מענדעלע, ניין?

**הנוכחים:** יא.

נאך א לענגערע צייט וואס מ'האט ארומגערעדט, האט מען זיך דערזען אז די זייגער האט זיך פאראויס גערוקט, די באטייליגטע ווילן ח"ו נישט אויפהאלטן ר' יעקב מאיר שליט"א, וואס די כוחות ערלויבן נישט אין דעם הויכ'ן עלטער צו לענגער מאריך זיין.

**ר' יעקב נתן שליט"א איז מסכם דעם שמועס, און פארענדיגט:**

שוין, אויב מען קען זאגן עפעס דברי חיזוק אויף האלטן די קו טעלעפאון. עס איז דא מענטשן וואס פארציילן דארט סיפורי התקרבות ווי אזוי זיי זענען מקורב געווארן, יעצט איז ארויפגעקומען איינער וואס קומט פון וויזניץ וואס האט זיך איינגעהערט די סיפורי התקרבות אויפן 'מערכת', און ער האט באקומען אזא לעכטיגקייט און ער איז געווארן א ברסלב'ער, דארף מען חיזוק מען זאל אנגיין אין דעם מיט די גאנצע פעסקייט.

**ר' יעקב מאיר:** די אלע וואס פארען זיך, צו

מפרסם זיין דורך די כלים דעם רבי'נס זאך, זאלן זיך שטארקן מיט די גאנצע כח, נישט קוקן אויף קיין שום זאך!

מען האט אסאך אויפגעטון מיט דעם, און מען וועט נאך אסאך אויפטון!

**הנוכחים:** אמן!

## תחזקנה ידיכם!

דערנאך האט ער אנגעוואונטשן מעומק הלב פאר די געטרייע עוסקים במלאכת הקודש שתשרה שכינה במעשה ידיהם זיי זאלן מצליח זיין אין די עבודת הקודש.

ער האט זיי געשטארקט צו אנגיין ווייטער ביתר שאת ויתר עז, זיך נישט דערשרעקן פון קיין שום מניעה, נאר זיך פארברייטערן מער און מער און מקרב זיין נאך און נאך אידן צום הייליגן רבי'ן.

דערנאך האט מען געוויזן פאר ר' יעקב מאיר שליט"א די הערליכע רייכע גליון האידה וואס ערשיינט מיט פראכט יעדע צוויי וואכן.

ר' יעקב מאיר האט עס באטראכט, געליינט דערין און גאר שטארק נתפעל געווארן דערפון ער האט זיך נאכגעפרעגט וואו מען איז עס מפיץ און וויפיל עס ווערט פארשפרייט דערנאך האט ער געפרעגט אויב ער קען נעמען איינס צו האלטן פאר זיך און זיך עס אוועקגעלייגט, די חברי המערכת זענען ארויס גאר שטארק מחוזק פונעם דערהויבענעם באזוך און באנייט מיט פרישע כוחות.

### ר' יעקב מאיר:

### די אלע וואס פארענן זיך צו מפרסם זיין דעם רבי'נס זאך, זאלן זיך שטארקן מיט די גאנצע כח, נישט קוקן אויף קיין שום זאך! מען האט אסאך אויפגעטון און מען וועט נאך אסאך אויפטון!



איר זאלט ווייטער קענען מקרב זיין אידן צום הייליגן רבי'ן.
**רי"מ שליט"א ביים אנווינטשן פאר יו"ר המערכת**

# נשימה אחת

## פאקטן און ציפערן פון די הוצאות האגרכת

## $1400

שרייבערס און די איוסשטעלן דעם גליון 'האירה'

(- פאר 2 גליונות א חודש)

## $5500

געהאלט פאר די 3 ארבעטער

וואס ארבעטן במשך די שעות פון טאג, איינעם אפיס פון מערכת.

## $2000

דרוקן און פארשפרייטן די גליון 'האירה'

(- פאר 2 גליונות א חודש).

## $1000

רענט פארן אפיס פון מערכת

## $350

סעפקירטע 'האטליין' סיסטעם

מיט 10 נומערן אין די גאנצע וועלט

## $500

### פארשידענע אפיס סופליי

און אומגעראכטענע הוצאות וואס מאכן זיך כסדר.

## $185

### טעלעפאון סערוויס אין אפיס.

מיט א ספעציעלע סיסטעם צו קענען רופן ארום די גאנצע וועלט, כדי צו מאכן כסדר'דיגע אינטערוויא'ס, שמועסן און באריכטן.

## $2000 א יאר

### פאר אדווערטייזמענטס צו פארשפרייטן די נומער פונעם ליין.

אריינגערעכנט גראפיק, ביזנעס קארטלעך, קלאסיפיידס, סטיקער'ס און נאך. (הלוואי מען זאל זיך קענען פארברייטערן נאכמער להחיות נפש רב, און פארשפרייטן דעם נומער מער און מער.)

## $300

### טעקנישאן, צו פארעכטן אלע פראבלעמען וואס מאכן זיך כסדר אינעם סיסטעם

ווי אויך צו פארברייטערן און בעסער מאכן די ליין מיט פולע נייע אפשענס, צו גרינגער מאכן פאר די צוהערער. (צום ביישפיל: נאר לעצטנס האט מען - נאך אסאך מי און פלאג - מצליח געווען אהער צו שטעלן די געשמאקע נייע בוק מארק אפציע)

## $600 א יאר

### הוצאות פאר ריקארדערס און מייקס.

סך הכל יערליך:

# $137,400

סך הכל חודשליך:

# $11,450


הנה ימים באים נאם אדני יהוה והשלחתי רעב בארץ, לא רעב ללחם ולא צמא למים, כי אם לשמע את דברי ה'
אין ברסלב ברענט א פייער
מערכת ברסלב